STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04563

DER FOLKS-MISHPET

Jewish Labor Committee (US)

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Norman & Arlene Carabet
in honor and in memory of
their parents*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער פאָלקס-משפּט

גרויסע פאָלקס-קאָנפערענץ צו משפּטן די מערדער פון די יידישע שרייבער און קינסטלער אין סאָוועט-רוסלאַנד און די אומברענגער פון דער יידישער קולטור הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג

דער פאָלקס-משפּט איז גערופן געוואָרן
דורכן יידישן אַרבעטער-קאָמיטעט
30טן אַפּריל, 1956

דער באַריכט איז צוזאַמענגעשטעלט
דורך יעקב פּאַט

FUTURO PRESS, Inc.
476 Broadway, New York, N. Y.

200

מיר רופן צום משפט

אין 1948 זיינען פאַרמאַכט געוואָרן די געציילטע יידישע צייטונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין סאָוועט־רוסלאַנד; פאַרשלאָסן געוואָרן די צו יענער צייט נאָך עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס פאַר יידישע קול־טור־ענינים; פאַרמאַכט געוואָרן די פאַרלאַגן פון יידישע ביכער. די יידישע שרייבער זיינען פאַרשוואונדן.

וועגן דער פאַרשווינדונג פון די יידישע שרייבער, קינסטלער, אַק־טיאָרן, לערער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות איינע פינצטערער פון דער אַנדערער. אין דערזעלבער צייט האָט זיך געטראָגן אַן אַנטיסע־מיטישע כוואַליע איבער סאָוועט־רוסלאַנד. יאָר נאָך יאָר זיינען די ידיעות געוואָרן אַלץ שווערער. מען האָט דערציילט און געשריבן ניט נאָר וועגן דער פאַרשווינדונג, נאָר שוין אויך וועגן דער אויסמאָרדונג פון די יידישע שרייבער. עס האָבן זיך באַוויזן עדי ראיה, וואָס האָבן געוואוסט צו דערציילן פרטים. עס זיינען געקומען עדות, וואָס האָבן דערציילט וועגן יידישע שרייבער אין טורמעס, אין צוואַנג־לאַגערן, אויף קאַטאָרגע. דער סך־הכל איז געווען

— די יידישע קולטור ווערט אויסגעריסן מיטן וואָרצל, דאָס יידישע וואָרט ווערט אויסגעשניטן, דער יידישער טעאַטער — פאַרמאַכט, דאָס יידישע ליד — פאַרשטומט.

מיר האָבן געמאַכט, דורך וועגן און אומוועגן, פאַרשיידענע פאָר־שונגען, פאַרעפנטלעכט די רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען, געמאַכט ווענ־דונגען צו דער סאָוועטישער רעגירונג, צו דער מענטשן־רעכט קאָמיסיע ביי די פאַראייניקטע פעלקער, אַפּעלירט צו דער רעגירונג פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן, זי זאָל מאַכן אָנפראַגעס ביי דער סאָוועטישער מאַכט. דער קאָנגרעס פון די פרייע טרעיד־יוניאָנס האָט אָנגענומען רעזאָלו־ציעס, אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען, געמאַכט ווענדונגען. די אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע — א.פ.ל. און סי־אַי־אָ — האָט דורך זייערע פּרעזידענטן געטאָן דאָסזעלבע. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דעמאָנ־

סטראַציעס אין ניו־יאָרק ביי דער געביידע פון די סאָוועטישע פאָרשטייער ביי די פאַראייניקטע פעלקער, עס איז געשיקט געוואָרן אַ דעלעגאַציע צו דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן. אַלע רופן, מאָנונגען און פאָדערונגען זיינען אָבער געווען ווי אַ קול קורא במדבר. עס איז ניט געקומען קיין ענטפער. מיר, און מיט אונז די גאַנצע פרייע וועלט, האָבן פאַרשטאַנען דאָס שווייגן פון דער סאָוועטישער רעגירונג ווי אַ סימן, אַז אַלע קלאַנגען, אַלע ידיעות ווערן באַשטעטיקט. דאָך האָבן זיך אָבער אַריינגעגנבעט האָפענונגען, אַז אפשר לעבן נאָך די יידישער שרייבער, אפשר וועלן זיי זיך באַווייזן, אַרויסקומען פון תפיסות און לאַגערן.

מיר האָבן געזען אין די ליקווידאַציע־מעשים ניט נאָר די ברוטאַלע אויסמאָרדונג פון הונדערטער יידישע שעפערישע מענטשן. מיר האָבן אין דעם געזען אויך די טאָטאַלע ליקווידאַציע פון דער יידישער פאָלקס־עקזיסטענץ אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אין די ערשטע וואָכן פון יאָר 1956, נאָכן 20סטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמפּיין צו ליקווידירן סטאַלינס אָנדענק, ווען עס האָבן אָנגעהויבן באַקאַנט ווערן די פּרטים פון די דערקלערונגען פון די קאָ־מוניסטישע פירער וועגן די פאַרברעכנס, מערדערייען און ליקווידאַציעס פון סטאַלין־ און בעריאַ־רעזשים, האָבן אויך אָנגעהויבן אַרויסקומען אומדירעקטע ידיעות וועגן דער יידישער ליקווידאַציע, ידיעות וועגן דער אויסמאָרדונג פון די יידישע שרייבער. אָנהויבנדיק פון חודש פעברואַר 1956 האָבן זיך גענומען באַווייזן אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע, הויפּטזעכלעך אין דער יידיש־קאָמוניסטישער פּרעסע פון פּוילן, פעסט־שטעלונגען וועגן דעם מאַסן־מאָרד פון די יידישע שרייבער. האַלב־אָפיציעלע ידיעות וועגן דעם זיינען אַריינגעקומען אין דער אַלגעמיינער און יידישער פּרעסע. דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", לעאָן קרישטאַל, וועלכער האָט באַזוכט אין משך פון קנאַפּע צוויי חדשים סאָוועט־רוס־לאַנד, האָט געבראַכט אויטענטישע ידיעות וועגן דער אויסמאָרדונג אין 1952 פון נאָענט צו דרייסיק באַקאַנטע יידישע שרייבער, אייגנטלעך די באַקאַנטסטע. ענלעכע ידיעות זיינען געבראַכט געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט־פּרעסע, פון וואַשינגטאָן ביז פּאַריז. אין הסכם מיט דער אַלגע־מיינער אַנטי־סטאַלין־ליניע, וואָס עס האָט איינגעשטעלט די גאַנצע קאָ־מוניסטישע פּרעסע, האָט די יידישע קאָמוניסטישע פּרעסע, סיי אין אַמע־ריקע, סיי אין אַנדערע לענדער, אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן פאַקטן פון דער אויסמאָרדונג פון די יידישע שרייבער, נעמען פון אומגעבראַכטע.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט וועגן דעם ניט אַרויסגעגעבן קיין שום אָפיציעלע סטייטמענטס, איז אָבער ניט געבליבן מער קיין ספק, אַז די פעסטשטעלונגען פון דער קאָמוניסטישער פרעסע זיינען געמאַכט געוואָרן ניט נאָר מיטן וויסן פון דער סאָוועטישער רעגירונג, נאָר נאָך מער — לויט איר אָנווייזונג.

די קלאַנגען, די ידיעות, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין פאַרלויף פון 8 יאָר, האָבן געפונען זייער באַשטעטיקונג. יאָ, דער מאַסן־מאָרד איז אויסגעפירט געוואָרן. דער דזשענאָסאַיד פון דער יידישער קולטור איז געווען געפלאַנט און אָרגאַניזירט. עס איז מער אין דעם קיין ספק ניטאָ. דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט דעמאָלט באַשלאָסן אָנצונעמען אַלע מיטלען, אַז עס זאָל צוגעצויגן ווערן די אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכקייט אין דער פרייער וועלט. ער האָט באַשלאָסן עס צו טאָן צוליב צוויי סיבות: 1) כדי אַרויסצוברענגען דעם נאַטירלעכן און געהעריקן פראָטעסט, 2) כדי אַלץ זאָל געטאָן ווערן, אַז אַזוינס זאָל זיך מער ניט איבערחזרן. עס איז אים אויך געגאַנגען אין דעם, אַז די צוויי מיליאָן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד זאָלן דורך וועגן און אומוועגן דערהערן די שטים פון דער פרייער וועלט, פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און, נאַטירלעך, פון די יידן אין אַמעריקע. עס איז דעריבער גערופן געוואָרן דער פאָלקס־משפט אויפן 30טן אַפּריל 1956 אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן פון דער שטאָט ניו־יאָרק, אין בילטמאָר האָטעל. די טרעיד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס, דער אַרבעטער־רינג, יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פרויען־אָרגאַניזאַציעס, שול־אינסטיטוציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן און אַנדערע האָבן גערופן צום משפט און זייערע אָפּטיילונגען, ברענטשעס, לאָקאַלן האָבן געשיקט דעלעגאַטן.

דער פאָלקס־משפט איז פאַרטראַכט געוואָרן ניט ווי אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, נאָר ווי אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון די וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. 1,200 דעלעגאַטן פון די פאַרשיידנסטע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט דאָס רעכט צו ריידן און האַנדלען אין נאָמען פון די הונדערטער טויזנטער, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן זייערע אָרגאַניזאַציעס.

איי̇ניקע אויפרופן

מיר ברענגען דאָ איי̇ניקע אויפרופן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין דער פרעסע, הויפטזעכלעך אין „פאָרווערטס״, אין וועלכע די יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס זיינען גערופן געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין פאָלקס־משפט.

ערשטער רוף —

דערמאָרדעט און באַגזלט

„מיר האָבן זיי דערמאָרדעט און מיר האָבן זיי באַרויבט — אין דעם זיינען די לעצטע טעג זיך מודה די קאָמוניסטן. דער־מאָרדעט די יידישע שרייבער און קינסטלער, באַרויבט — זייערע ווערק, פאַרניכטעט, זייער אָנדענק געשענדט, זייערע משפחות פאַר־יתומט, אויב געלאָזט לעבן.

„דאָס איז אַזוי שענדלעך, אַז עס נעמט אַרום אַ גרויל. ס'איז אַזאַ רציחה, אַזאַ מאָראַלישע געפאַלנקייט, אַז עס איז ניטאָ צו איר קיין גלייכן. דערצו נאָך עפּעס וויכטיקס — עס איז ניט סתם אַ מאָרד, סתם אַ רויב, ווי אַנדערע. עס איז אַ יידישער מאָרד. דאָס איז ניט געשען צו קיין אַנדערער פון די זיבעציק פעלקערשאַפטן, וואָס באַוואוינען די סאָוועטישע אימפּעריע. דאָס איז געשען נאָר צו די יידן. דאָס בינדט זיך מיט דער ידיעה, וואָס איז געווען ניט־לאַנג אין די לאָנדאָנער צייטונגען, אַז סטאַלין האָט ערב זיין טויט־שלאָק אָנאָנסירט אַ פּלאַן צו פאַרשיקן אַלע סאָוועטישע יידן אין געטאָס.

„מיר האָבן געפרעגט אַכט יאָר נאָכאַנאַנד. מיר האָבן געפאָ־דערט, געמאָנט, מיר האָבן די זאַך אַרויסגעבראַכט איין מאָל און נאָך אַ מאָל, און צען מאָל אין דער פרעסע. שטיל זיינען זיי געווען. פאַרשטומט. קיין ענטפער. איצט האָבן זיי אַרויסגעשטאַמלט: „יאָ, מיר האָבן געמאָרדעט און געראויבט״. און זיי רייקן מיטביידע זייטן

מויל — ניט די היינטיקע קאָמוניסטן זיינען שולדיק, נאָר די נעכ־טיקע. הגם מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז די היינטיקע און די נעכטיקע זיינע איינע און דיזעלבע.

„מיר וועלן זיך צונויפקומען מאָנטיק, דעם 30טן אַפּריל, 6 אָוונט, אין גרענד באָל־רום פון בילטמאָר האָטעל, און אַרויסטראָגן אונזער אורטייל איבער די שולדיקע".

צווייטער רוף —

די צוויי מיליאָן יידן פון סאָוועט־רוסלאַנד רופן אונז

„מען קאָן נאָך אָפּראַטעווען און אָפּמינטערן די צוויי מיליאָן זשיפּענדיקע יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. צוויי מיליאָן לעבעדיקע יידן אין אַזאַ גרויסן לאַנד וואָלטן געווען אַן אוצר פאַר די יידן אין אַנ־דערע לענדער, פאַר די יידן אין מדינת ישראל. זיי טאָרן ניט אונ־טערגיין. צוויי מיליאָן יידן הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג בענקען נאָך די יידן אין דער וועלט, קוקן אויס צו די פינף מיליאָן יידן אין אַמעריקע, ווילן הערן אונזער שטים. זיי ווילן לעבן, ווילן ניט אונטערגיין.

„דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט רופט אייך צום פאָלקס־משפט."

דריטער רוף —

לאָזט הערן אייער קול! קומט מאָנטיק צום פאָלקס־משפט איבער די מערדער!

„ווען די „שוואַרצע מאה" און די מאָנאַרכיסטישע קליקע האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן אין אָדעס, קישענעוו, האָמעל און ביאַליסטאָק האָט זיך קעגן זיי געשטעלט די סאָציאַליסטישע מאַסן־באַוועגונג, די יידישע סאָציאַליסטישע זעלבסטשוץ, די מענטשן פון גייסט אין רוסלאַנד.

„ווען די קאָמוניסטישע סטאַלין־באַנדע האָט דורכגעפירט אַ פּאָגראָם איבער דעם יידישן לעבן, אויסגעשאָסן די יידישע שרייבער, ליקווידירט די יידישע קולטור, איז געלעגן גאַנץ רוסלאַנד אַ פאַר־שקלאַפטע און פאַרשטומטע. צוויי מיליאָן יידן — געפּענטעטע, צע־שראָקענע, פאַרגליווערטע. שאַ־שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם.

„צען פּראָצענט פון אַלע פּאָליטישע קאַטאָרזשאַנעס און פאַר־שיקטע אין דער צאַרישער צייט זיינען געווען יידן. זיי האָבן איבער־געלעבט די קאַטאָרגע, אָבער זיי זיינען ליקווידירט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער הערשאַפט.

„אַמעריקע האָט אויפגעשטורעמט אין דער צייט פון די צאַ־רישע פּאָגראָמען. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט פּראָטעסטירט, די יידישע אַרבעטער אין ניו־יאָרק זיינען דעמאָלט אַרויס אין דע־מאָנסטראַציעס איבער די גאַסן.

„און היינט? ווי רעאַגירן היינט די אַמעריקאַנער יידן אויף דעם פּאָגראָם איבערן יידישן לעבן אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד?

„מיר טאָרן ניט שווייגן! קיינער טאָר ניט שטיין אָן אַ זייט! וואָס העכער עס וועט זיין אונזער שטים, וואָס שטאַרקער און וויר־דיקער אונזער פּראָטעסט, וואָס מעכטיקער אונזער פאָדערונג, אַלץ מער האָפענונג פאַר די צוויי מיליאָן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

„קומט, לאָזט הערן אייער שטים אויף דעם פאָלקס־משפט.

„פריינט פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, באַשיצער פון יידישן לעבן, קומט צום פאָלקס־משפט און טראָגט אַרויס אייער אורטייל".

וויכטיקע דערקלערונגען צום פֿאָלקס־משפּט

פֿאַרשיידענע אָנגעזעענע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן האָבן אַריינגעשיקט וויכטיקע דערקלערונגען צום יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין פֿאַרבינדונג מיט דעם פֿאָלקס־משפּט. אָט זיינען אייניקע דערקלערונגען:

דזשאָרדזש מיני, פּרעזידענט א.פ.ל.—סי־אי־אָ

„אין פּראָצעס פון איר אָרגאַניזירטן אַנטיסעמיטישן קאַמפּיין האָט די סאָוועטישע רעגירונג אויסגעמאָרדעט די יידישע קולטור־פירער, פֿאַרמאַכט די יידישע צייטונגען, פֿאַרלאַגן, שולן און אינסטיטוציעס. דאָס איז פֿאַר דער ציוויליזירטער וועלט אַ נייער באַווייז, אַז טאָטאַליטאַרע רעגירונגען דערלאָזן ניט קיין שום ציווילע אָדער רעליגיעזע פרייהייטן. דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט טוט אַ דינסט צו דער געזעלשאַפט אַנטפּלעקנדיק די אכזריות אויפן פֿאָלקס־משפּט. די עפנטלעכקייט וועט נאָר דאַן קאָנען באמת אָפּשאַצן די גאַנצע געפֿאַר פון קאָמוניסטישן אימפּעריאַליזם ווען זי וועט באַקאַנט ווערן מיט אַלע מעשים פון דעם דעספּאָטישן קאָמוניסטישן רעזשים”.

גאָווערנאָר א. הערימאַן

„איך באַדויער זייער וואָס איך קאָן ניט זיין מיט אייך און פּראָטעסטירן מיט אייך צוזאַמען קעגן דער אונטערדריקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און פון דער יידישער קולטור דורך די פריערדיקע און איצטיקע סאָוועטישע הערשער. עס איז נאַטירלעך, אַז דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס האָט אַזאַ רעקאָרד און אַזעלכע דערגרייכונגען אין אונזער קאַמף קעגן דעם דייטשישן פֿאַשיזם, זאָל אויך איצט זאָגן זיין וואָרט. דער יידישער אידעאַל פון פרייהייט, אונטער גאָט אַליין, איז אַזאַ, וואָס קיין טאָטאַלי־

טאַרער רעזשים קאָן אים ניט פאַרטראָגן, און די קאָמוניסטישע רע־זשימען האָבן ניט ווייניקער ווי די פאַשיסטישע אויסגעזונדערט דאָס יידישע פאָלק פאַר אַ קרבן פון אַ באַזונדערער ברוטאַליטעט. אין משך פון דער לאַנגער געשיכטע פון סאָוועטישער טיראַניי און אָפּנאַרעריי איז ניט געווען קיין איין געשעעניש, וואָס זאָל זיין אַזוי דורכגענומען מיט פאַלשקייט ווי די איצטיקע פאַזע פון די סאָוועטישע הערשער. דאָס זיינען מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו דער מאַכט אין סטאַלינס צייט אַדאַנק דעם ווילדן און מאָנסטער־האַפטן אייפער, מיט וועלכן זיי האָבן פאַרניכטעט גאַנצע פעלקער און אָפּגעמעקט פרייהייט איבער דער לענג און ברייט פון אייראָ־פּעאיש־אַזיאַטישן קאָנטינענט.

„אין נאָמען פון זייער פירער — איצט, אַז ער איז שוין ניטאָ — זיינען זיי זיך מודה געווען אין אַ קליינעם טייל פון די מעשים, וואָס מיר קענען שוין און האָבן שוין לאַנג געקענט. דורך דעם ווילן זיי אונז איינריידן, אַז זיי טראָגן ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר זייערע מעשים אין דער פאַרגאַנגענהייט און אַז זיי זיינען ניט מחויב צו האַנדלען אַנדערש איצט — אָט דאָס איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער גאַנצער געשעעניש. דער טעראָר און די טיראַניי פון קאָמוניסטישן רעזשים ווערט ניט אָפּגעשוואַכט. די פאַרפאָלגונגען פון די מינדערהייט־גרופּן ווערן פאַרגעזעצט. די אונטערדריקונג פון יעטוועדן מין פרייהייט גייט אָן ווייטער ווי פריער. נעכטן זיינען אַלע אונזערע באַשולדיקונגען קעגן סטאַ־לינען מיט אַנטריסטונג אָפּגעלייקנט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. היינט ווערן אָט די שרעקלעכע באַשולדיקונגען עפנטלעך באַ־שטעטיקט. דאָס טוען אויך, מיט אומווילן, די פירער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. אָבער מודה זיין זיך אַליין איז ניט גענוג. נעכטן איז די פּאַרטיי־ליניע געווען „אַלץ אָפּ־לייקענען״, היינט איז די ליניע — „זיך מודה זיין״. אָבער דאָס וואָרט פון די קאָמוניסטן איז זינלאָז. וואָס מיר ווילן איז — מעשים. די אונטערדריקונג פון יידישן פאָלק הינטער דעם אייז־זערנעם פאַרהאַנג ווערט היינט פאַרגעזעצט ווי אין דער פאַרגאַנ־גענהייט. אויב די סאָוועטישע פירער ווילן, מיר זאָלן זיך באַציען צו זיי אַנדערש, מוזן זיי האַנדלען אַנדערש. ביז דאָס וועט ניט געשען, טאָר אונזער אָפּאָזיציע ניט אָפּגעשוואַכט ווערן און אונזער פּראָטעסט ניט אויפהערן.״

סענאַטאָר ה. לעהמאַן

„איך באַדויער, וואָס איך קאָן ניט זיין פּערזענלעך אויף אייער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט דעם צוועק צו דיסקוטירן און דראַמאַטיזירן די באַגאַנגענע סאָוועטישע פאַרברעכנס קעגן די יידישע קולטור־פירער הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג און די טיראַניי און אונטערדריקונג, וואָס ווערט אויך היינט פאָרגעזעצט לגבי די יידן, זייער רעליגיע און זייער קולטור. עס איז ניט נאָר צוועק־מעסיק, נאָר זייער וויכטיק, מיר זאָלן ניט אויפהערן אויפצוהויבן אונזערע שטימען, צו רופן דאָס געוויסן פון אַמעריקע קעגן די פאַרברעכנס לגבי פרייהייט און גערעכטיקייט, וואָס ווערן נאָך אַלץ באַגאַנגען אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס סאָוועטישע מודה זיין זיך אין באַגאַנגענע פאַרברעכנס טאָר אונז ניט באַוועגן מוחל צו זיין אָט די בעסטיאַלישע אַקטן; עס טאָר אונז ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַקט אַז אין דער אָדער יענער מאָס ווערט די־זעלביקע פּאָליטיק דורכגעפירט אויך היינט. איך ווייס, אַז אייער צוזאַמענקום וועט ברענגען אַ סך נוצן. איך בעט אייך איבערגעבן מיינע בעסטע וואונטשן צו אַלע פאַרזאַמלטע אין בילטמאָר האָטעל, און אָננעמען מיינע ברכות צו אייך פאַר אָרגאַניזירן די פאַרזאַמלונג.”

מעיאָר ראָבערט פ. וואַגנער

„איך פאַראייניק זיך מיט אייך און מיט טויזנטער אַמעריקאַנער פון אַלע ראַסן און רעליגיעס אין פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ווייטער פאַרמאַכט די יידישע צייטונגען, פאַרלאַגן, שולן און אַנדערע אינסטיטוציעס. אייער פאַרזאַמלונג פון 30טן אַפּריל וועט פיל ביטראָגן צו דעם, אַז אַמעריקע און די וועלט זאָלן איינזען, אַז דורך מעשים און ניט דורך ווערטער קומען צום אויסדרוק פרייהייט און דעמאָקראַטיע”.

י. פּאָטאָפסקי, פּרעזידענט פון אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָוו אַמעריקא

„די דעמאָקראַטישע וועלט, די אַרבעטערשאַפט, אומאָפּהענגיק פון ראַסע, רעליגיע און נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג, זיינען טיף איבגעבראַכט דורך דעם פאַרשפּעטיקטן מודה זיין זיך פון די סאָוועטישע פירער אין דער קאַלטבלוטיקער ליקווידאַציע פון די

יידישע קולטור־פירער אין זייער לאַנד, דורך דעם ווייטערדיקן פאַרבאָט פון יידישע צייטונגען און אינסטיטוציעס. די פרייע וועלט — אירע מאָראַלישע און גייסטיקע כחות — מוז אַלץ טאָן, אַז אַזעלכע פאַרברעכנס זאָלן מער אין ערגעץ ניט קאָנען פאָר־קומען.״

אַפּטאָן סינקלעיר

„איך באַטראַכט די אונטערדריקונג פון דער יידישער קולטור אין וועלכן עס איז לאַנד פאַר אַ טראַגעדיע פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. איך באַדויער, וואָס מיין פרויס קראַנקהייט מאַכט אוממעגלעך מיין פערזענלעכע באַטייליקונג אין אייער פאַרזאַמלונג.״

די פאָרשטייער פון סאָוועט־רוסלאַנד האָבן זיך ניט אָפּגערופן

מיר זיינען געווען גרייט אויסצוהערן דערקלערונגען פון דער סאָ־וועטישער רעגירונג, פון אירע פאָרשטייער אין אַמעריקע, וועגן דער ליקווידאַציע פון די יידישע שרייבער און פון דער יידישער קולטור. די צוגרייטונגען צום משפט זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער צייט, ווען ניקיטאַ כרושטשאָוו און ניקאָלאַי בולגאַנין זיינען געקומען אין לאָנדאָן מיט אַ „גוד וויל״ שליחות. אויב זיי קאָנען קומען פון מאָסקווע קיין לאָנדאָן, מעג זיך באַמיען צו קומען דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, געאָרגי זאַרובין, צו דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק. זאָל ער אויפקלערן, זאָל ער דערציילן, זאָל ער זאָגן וואָס די סאָוועטישע רעגירונג קלייבט זיך צו טאָן איצט. מיר האָבן אָפּגעשיקט די פאָלגנדע ווענדונג צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר געאָרגי זאַרובין, דעם 17טן אַפּריל 1956:

„מיר פאַרבעטן איך צו דער גרויסער אַרבעטער־קאָנפערענץ, וואָס וועט פאָרקומען מאָנטיק, דעם 30טן אַפּריל 1956, 6 אַזייגער אין אָוונט, אין גרענד באַל רום פון בילטמאָר האָטעל, מעדיסאָן עוועניו און 43טע סטריט, ניו־יאָרק. די קאָנפערענץ וועט באַהאַנד־לען די ידיעות, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרע־סע — אויך אין קאָמוניסטישע צייטונגען — וועגן דער ליקווידאַציע פון די יידישע שרייבער און דער יידישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד.

„ניט געקוקט דערויף, וואָס קלאַנגען וועגן דעם האָבן זיך אומ־געטראָגן אין פאַרלויף פון די לעצטע 7־8 יאָר און מיר האָבן אייניקע מאָל זיך געווענדט צו די פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער רעגי־רונג נאָך אויפקלערונגען, האָבן מיר זיי אָבער ניט באַקומען. די איצטיקע ידיעות, אין וועלכע מען קאָן שוין מער ניט צווייפלען, האָבן אויפגעטרייסלט די עפנטלעכע מיינונג. ביז איצט האָבן מיר נאָך אָבער אַלץ ניט געהערט וועגן דעם קיין אָפיציעלע מיטטיילונג פון אייער רעגירונג.

„מיר ווילן האָפן, אַז איר וועט אָננעמען אונזער איינלאַדונג און קומען צו דער גרויסער אַרבעטער־קאָנפערענץ און אונז איבער־געבן די פאַקטן פון דער ליקווידאַציע. מיר דערוואַרטן צו באַקומען די פולע רשימה פון די ליקווידירטע און פרטים פון זייער אומקום. מיר ווילן אויך הערן וועגן דעם גורל פון די לעבנגעבליבענע און וועגן די אויסזיכטן פון דער יידישער קולטור ביי אייך אין לאַנד. מיר וואַרטן אויף אייער ענטפער.

אַדאָלף העלד, פּאָרזיצער
יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט.״

עס איז אַוועק אַ וואָך, און דער אַמבאַסאַדאָר זאַרובין האָט זיך ניט אָפּגערופן, האָבן מיר אים דערמאָנט מיט פאָלגנדער טעלעגראַמע:

„מיר דערוואַרטן נאָך אַלץ אַן ענטפער אויף אונזער איינלאַ־דונג, איר זאָלט קומען צו דער אַרבעטער־קאָנפערענץ אין האָטעל בילטמאָר, צווישן 6 און 8 אָוונט, מאָנטיק, דעם 30טן אַפּריל, צו באַהאַנדלען דעם גורל פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַר־באַנד. אויב עס איז פאַר אייך אוממעגלעך צו קומען פערזענלעך, וואָלטן מיר אייך דאַנקבאַר געווען פאַר אַ שריפטלעכער מיטטיילונג פון אייער מיינונג וועגן דעם ענין.״

דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר האָט זיך ניט אָפּגערופן.

דער משפט

דער גרויסער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט. די שטימונג איז געווען אַ געשפּאַנטע. אין פּרעזידיום פון פאָלקס־משפט האָבן זיך באַטייליקט פאָלגנדע: אַדאָלף העלד, פּאָרזיצער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט; רפאל אַבראַמאָוויטש, לואיס האָלענדער (אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן), איזידאָר נאַגלער (אינטערנעשאָנעל יוניאָן), יעקב צוקערמאַן (אַרבעטער־רינג), נחום כאַניז, פּאָרזיצער פון אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט; לעאָן קרישטאָל, פּאָרזיצער פון י. ל. פרץ שרייבער־פּאַראיין; אליעזר גרינבערג, וויצע־פּאָרזיצער פון פּען־קלוב; וו. וואָלפּערט, סעקרעטאַר פון די פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, ב. טאַבאַטשינסקי און יעקב פּאַט (יידישער אַרבעטער קאָמיטעט).

באַשולדיקונגס־אַקט

אַדאָלף העלד,

פּאָרזיצער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און פּאָרזיצער פון פאָלקס־משפט, האָט געעפנט די קאָנפערענץ מיט פאָלגנדע ווערטער:

„איך באַגריס אין נאָמען פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט די דעלעגאַטן, באַשטימטע פון הונדערטער אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. דער צוזאַמענקום איז זייער אימפּאָזאַנט. איך בין זיכער, אַז איר אַלע וועט פאַרוואַנדלען די פאָלקס־קאָנפערענץ אין איינעם פון די דערפאָלגרייכסטע און ווירקזאַמסטע צוזאַמענקומען.

„מיר ווען די פאַרזאַמלונג פירן אין דריי שפּראַכן: אין ענגליש, אין יידיש און אַביסל אויך אין רוסיש, ווייל דאָס, וואָס וועט דאָ גערעדט ווערן, וועט אויך איבערגעגעבן ווערן איבער דער ראַדיאָ — אויך איבער דער „ראַדיאָ אָוו ליבערײשאָן" — און עס וועט דערגיין אין די לענדער הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג. מיר ווילן עס זאָל זיין אַזוי ווירקזאַם ווי נאָר מעגלעך. אויב ווער פון אייך וועט ניט פאַרשטיין די רייד אויף איין שפּראַך, וועט ער עס פאַרשטיין אין דער צווייטער שפּראַך.

„איך וועל אָנהויבן מיט אונזער בריוו צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר זאַרובין (דער בריוו איז געדרוקט אויף זייט 12). מיר האָבן געהאַלטן פאַר אונזער חוב אים איינצולאַדן, ווייל מיר האָבן באמת געוואָלט, מען זאָל ניט אָפּקומען בלויז מיט פּראָטעסטן. מיר האָבן ניט געוואָלט בלויז אויסדריקן די ביטערניש פון אונזערע הערצער, נאָר עס זאָל עפּעס געשען צום בעסערן אין די לענדער הינטער די אייזערנע פאָרהאַנגען.

„מיר האָבן דערהאַלטן צוויי בריוו אין פאַרבינדונג מיט אונזער פאָלקס־משפט: איינעם פון אַ סימפּאַטיקער און דעם צווייטן פון אַן אָנגעהעריקן פון די קאָמוניסטן. אין ביידע בריוו האָט מען טענות צו אונז — זיי האָבן זיך דאָך שוין מודה געווען, וואָס ווילט איר נאָך פון זיי? אויב זיי האָבן געהאַט דעם מוט אַרויסצוקומען מיטן אמת, פאַרוואָס זידלט איר זיי? — דאָס דערמאָנט מיר אָן דער אַלטער, באַקאַנטער געשיכטע, ווי אַזוי אַ בחור, וואָס האָט דערמאָרדעט זיין מוטער, האָט געבעטן רחמים ביים ריכטער, ווייל ער איז אַ יתום. מיר קאָנען זיך ניט באַציען מיט לייכטקייט צו דעם טראַגישן ענין. פאַר די לעצטע אַכט יאָר האָבן מיר געמאָנט און דערפאַר האָט מען אונז געזידלט, באַליידיקט. אַ סך האָבן ניט געגלויבט. און אָט איז די זאַך אַרויסגעקומען ווי בוימל אויפן וואַסער. זיי האָבן זיך מודה געווען. זיי האָבן נאָך ניט אַלץ געזאָגט, ניט אַלץ דערציילט, אָבער אויפן עיקר האָבן זיי זיך מודה געווען — זיי האָבן באַשטעטיקט אַז אונזערע באַשולדיקונגען זיינען געווען גערעכט.

„דאָס אַליין איז אָבער נאָך ניט גענוג. עס גייט דאָך ניט נאָר אין דער אויסמאָרדונג פון אַ צאָל יידן, אַ צאָל שרייבער. די מעשים זיינען דאָך געווען געווענדעט צו ליקווידירן אַ פאָלק, גייסטיק צו ליקווידירן די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. זאָל מען ניט זאָגן, אַז עס איז געווען אַ טראַגישער צופאַל, עס איז געווען אַ האַנדלונג אין אַ מאָמענט. ניין, עס איז געווען אַ לאַנג געפּלאַנטע, אין פאַרלויף פון יאָרן אָרגאַניזירטע ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור.״

אַדאָלף העלד האָט פאָרגעבראַכט צוויי וויכטיקע דאָקומענטן: איין דאָקומענט וועגן די אויספירונגען און אויספירער פון די מאָרדן און דער ליקווידאַציע, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך מיט 26 יאָר צוריק, אין 1930, און אַ צווייטן — וועגן דעם, וואָס דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט געטאָן אין פאַרלויף פון אַכט יאָר, מאָנענדיק דין וחשבון ביי דער סאָוועטישער רעגירונג.

מיר ברענגען דאָ ווייטער די ביידע דאָקומענטן (ז״ז 16—27).

אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער



פון רעכטס: וו. וואָלפּערט, ב. טאַבאַטשינסקי, י. צוקערמאַן, נ. כאַנין, י. פּאַט, א. העלד (שטייענדיק ביים מיקראָפאָן).

רשימה פון ליקווידאַציע־אַקטן אין דער צייט פון 1930 ביז סטאַלינס טויט

1930 — עס ווערט ליקווידירט דער „טיש פאַר יידישע ענינים". די יעווסעקציע ווערט געשלאָסן. אמת, די יעווסעקציע איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן קאָמוניסטישע אינסטיטוציע; זי איז געשטאַנען אין דינסט פון קאָמוניסטישן רעזשים, זי איז געווען פאַרהאַסט ביי די יידן אין דער וועלט, — אָבער ניט דערפאַר איז זי געשלאָסן געוואָרן אין 1930. זי איז געשלאָסן געוואָרן דערפאַר, ווייל זי איז דאָך געווען אַ שאָטן פון אַ כלומרשט יידישער אינסטיטוציע. — דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פון אַן אָנקומענדיקער כוואַליע פון ליקווידאַציעס צווישן יידן.

1936 — עס טראָגט זיך אַן אַלגעמיינע כוואַליע פון אַרעסטן איבער סאָוועט־רוסלאַנד. דעמאָלט ווערן אַרעסטירט יידישע שרייבער און קולטור־טוער, צווישן זיי — איזי כאַריק, לעוו, זיסקין, דונעץ, בראָנשטיין. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין שייכות מיט דער דעמאָלטדיקער ליקווידאַציע פון די אַזוי־גערופענע אַנטי־סטאַליניסטן. אָט די ליקווידאַציע איז געווען אַ ריין יידישע.

1937 — עס הויבט זיך אָן די שליסונג פון די יידישע שולן, מיטלשולן, הויכשולן. יידישע לערער ווערן אַרעסטירט פאַר „יידיש־נאַציאָנאַלער אָפּנייגונג". עס ווערן געשלאָסן די ביז דעמאָלט עקזיסטירנדיקע יידישע געריכטן, די יידישע מיליץ־קרייזן. צווישן די אַרעסטירטע געפינען זיך יידישע פּאָעטן, עסייאיסטן, היסטאָרי־

אימפּאָזאַנטער מאַסן־קאָנפערענץ



פון רעכטס: ר. אַבראַמאָוויטש, ל. האַלענדער, נ. נאַגלער, ל. קרישטאַל, א. גרינבערג

קער: משה ליטוואַקאָוו, אסתר פרומקין, משה קולבאַק, מאַקס עריק, ירחמיאל וויינשטיין, משה ראַפעס, פּראָפעסאָר סאָסיס, בוכבינדער, פרידלאַנד און צענדליקער אַנדערע.

1938 — עס ווערן ליקווידירט די יידישע קאָל־ווירטן. עס ווערן אַרעסטירט די יידישע אָנפירער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט בירא־בידזשאַן. עס ווערן דורכגעפירט אַרעסטן מיטן אויסרייד פון „ציוניסטישער אָנגעהעריקייט" און „נאַכלעסיקער באַציאונג צו דער בויאונג". עס ווערן פאַרשיקט און שפּעטער דערשאָסן: פּראָפעסאָר ליבערבערג, כאַווקין, העלער און פיל אַנדערע. צווישן די אַרעסטירטע יידן אין 1938 געפינען זיך אויך דער יידישער פּאָליטישער קאָמיסאַר דימענטשטיין, דער ליטערטור־היסטאָריקער ישראל צינבערג, עס ווערט געשלאָסן דער מאָסקווער „עמעס".

1939 — אָנהויב צווייטע וועלט־מלחמה. מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע פאַלן אַריין צו די סאָוועטן. מען אַרעסטירט הונדערטער יידישע שרייבער, טוער און לערער. צווישן די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע און שפּעטער אומגעבראַכטע געפינען זיך: הענריך ערליך, וויקטאָר אַלטער, זלמן רייזען, אַננאַ ראָזענטאַל, אַדוואָקאַט י. טשערניכאָוו און אַנדערע.

1941 — דעם 22טן יוני באַפאַלט היטלער־דייטשלאַנד דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין די תּפיסות און לאַגערן ווערן דערשאָסן די פּאָליטישע אַרעסטירטע. דעמאָלט ווערן אויך דערשאָסן זלמן רייזען, אַדוואָקאַט י. טשערניכאָוו, ז. אַקסעלראָד און פיל אַנדערע.

אין די יאָרן פון מלחמה

„אין פאַרלויף פון די יאָרן 1941 ביז 1945, ווען די וועלט־מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט און סאָוועט־רוסלאַנד איז געוואָרן אַליאירט מיט די דע־מאָקראַטישע מלוכות, האָט זיך די ליקווידאַציע־כוואַליע אָפּגעשטעלט — האָט געזאָגט אַדאָלף העלד. — דאָס סאָוועטישע יידנטום האָט זיך אַריינ־געוואָרפן בלב ונפש אין קאַמף מיטן שונא, מיט די נאַציס. ווערלנדיק נקמה נעמען אָן די נאַציס, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט געהאַלטן אינמיטן אויסמאָרדן די יידן אין אייראָפּע, ווערלנדיק שיצן זייער לאַנד, זייערע ברידער און שוועסטער אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון דער סאָוועטישער מדינה, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן די יידן מיט אַ געוואַלדיקן מסירת נפש אין דער מלחמה מיט די נאַציס. שפּעטער זיינען 132,822 יידישע סאָלדאַטן און אָפיצערן באַלוינט געוואָרן מיט אָרדנס און מעדאַלן פאַר העלדישקייט אין די שלאַכטן. 60 יידישע שרייבער האָבן זיך באַ־טייליקט אין די קאַמפן אויף די פראָנטן, און 30 פון זיי זיינען געפאַלן (באַריכט פון א. קושניראָוו אויפן אַל־פאַרבאַנדישן פלענום פון די סאָ־וועטישע שרייבער אין מאַי 1945).

„די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פאַרבינדעטע, די דעמאָ־קראַטישע מלוכות פון דער וועלט, צוזאַמען מיט סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן באַזיגט די נאַצישע אַרמייען. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער אַנטי־סעמיטיזם האָט זיך געשטאַרקט אין די לעצטע יאָרן פון דער מלחמה, באַזונדערס אין די לעצטע חדשים, סיי אין דער אַרמיי און סיי אין לאַנד, האָבן דאָך די יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין סאָוועט־רוסלאַנד געהאָפט, אַז עס וועלן קומען בעסערע צייטן פאַר זייער טעטיקייט.

יידישע שרייבער האָבן געגרייט זייערע ווערק ערב זייער אומקום

„מיר האָבן אַ רשימה פון 60 יידישע שרייבער, וואָס האָבן אין יאָר 1948 געהאַט גרייט נייע ווערק אַרויסצוגעבן. מיר ברענגען די רשימה:

נ. אויסלענדער	— האָט גרייט „אברהם גאָלדפאַדען און זיין אַקטיאָר". שרייבט „דיכטער העלדן".
רחל בוימוואָל	— האָט גרייט אַ בוך לידער „צום דימענט־שלייפער". פאַרענדיקט אַ בוך דערציילונגען.
דוד בערגעלסאָן	— האָט פאַרענדיקט זיין ראָמאַן „אַלעקסאַנדער באַראַש". גרייט צום דרוק אַ באַנד נאָוועלן אויף נאָך־מלחמה־מאָטיוון.

עליע גאָרדאָן — שרייבט אַ ראָמאַן וועגן דער סאָוועטישער אַרטי־לעריע. דער הויפּט־העלד איז דער סאָוועטישער פּאָלקאָווניק משה כאַזין.

מ. געןֿ — גרייט אַ בוך נאָוועלן וועגן יידישע דעמאָביליזירטע שלאַכט־לייט אין דער אויפשטעלונג־אַרבעט אין לאַנד.

י. דאָברושין — האָט אַ בוך „די דראַמאַטורגיע פון די יידישע קלאַסיקער". פאַרענדיקט אַ פּיעסע, אויך אַ בוך וועגן 30 יאָר יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור.

ש. האַלקין — פאַרענדיקט אַ דראַמע „די עלטסטע אין דער משפּחה" און אַ פּאָעמע וועגן דער אַנטי־נאַצישער מלחמה.

פּרץ מאַרקיש — האָט פאַרענדיקט אַ פּיעסע „וואַלד־ברידער" וועגן די יידישע פּאַרטיזאַנען, אַ פּאָעמע „ירושה" און ער אַרבעט אויף אַ בוך פּראָזע וועגן נאָך־מלחמהדיקן אויפבוי.

דער נסתר — האָט אָפּגעגעבן אין דרוק ביידע בענדער „די משפּחה מאַשבער". גרייט אַ באַנד דערציילונגען.

י. נוסינאָוו — פאַרענדיקט אַ בוך וועגן דער אַנטי־נאַצישער מלחמה, „פאַרוואָס זיינען זיי פאַרבליבן?"

איציק פעפער — פאַרענדיקט זיין ראָמאַן אין פערזן „שלמה המלכס יורשים". אַרבעט איבער אַ קאָמעדיע. זיין פּיעסע „צייטן בייטן זיך" ווערט צוגעגרייט אין יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע.

שמואל פּערסאָוו — אַרבעט אויף זיין ווערק „יידן גענעראַלן און העלדן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד".

א. ווערגעליס — מאַכט גרייט אַ פּאָעמע „דרייסיק יאָר" און אַ בוך לידער.

א. קושניראָוו — זאַמלט צונויף אַ בוך „לידער פון מלחמה־צייט".

לייב קוויטקאָ — פאַרענדיקט אַ בוך לידער „אונטער דער זון" און „דאָס מיידל פון אומאַן".

י. ראַבין — פאַרענדיקט אַ פּיעסע „אַ גוט יאָר אויף אייך" און איבערגעגעבן אין פאַרלאַג „עמעס" אַ בוך דערציי־לונגען „טאָכטער, האָב אים ליב".

ל. קאַצעוויטש — האָט אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע „שייקע פייפער” און שרייבט אַ קינאָ סצענאַריאָ.

י. עמיאט — גרייט אַ זאַמלונג לידער וועגן נאָך־מלחמה פעריאָד.

ב. מילער — שרייבט אַ פּיעסע וועגן בירא־בידזשאַן.

י. ראַבינקאָוו — גרייט אַ פּיעסע וועגן א. גאָלדפאַדען און אַ דערציילונג וועגן סטודענטן אין בירא־בידזשאַן.

ב. סלוצקי — שרייבט אַ ראָמאַן וועגן בר־כוכבאס צייטן.

בראנפנמאַן וואַסערמאַן — שרייבן לידער און דערציילונגען.

דוד האָפשטיין — האָט פאַרטיק אַ פּיעסע „מוטער”, שרייבט לידער און דערציילונגען.

מ. טאַלאַליעווסקי — שרייבט אַ פּיעסע און אַ ראָמאַן וועגן דער יוגנט אין קרים.

י. פאַליקמאַן — האָט אָפּגעגעבן אין דרוק זיין ראָמאַן „די שיין קומט פון מזרח”.

ח. פאָליאַנקער — אַרבעט אויפן דריטן טייל פון זיין „שמעיה גזלן”.

א. קאַהאַן — פאַרענדיקט זיין בוך „בראָדער זינגער”.

י. קיפּניס — שרייבט אַ פּיעסע.

דערציילונגען, לידער און פּאָעמעס גרייט צום דרוק פון די פאָלגנדיקע שרייבער:

בענדאָס, גוטיאַנסקי, בוכבינדער, וועלעדניצקי, טאַבאַטשניקאָוו, ביי־קינאָ, ר. באַלאַסני.

די וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער פון קאַבינעט פאַר יידקולטור:

ז. בערעגאָווסקי, ע. ספּיוואַק, מיזשריצקי, ב. לוצקער־מידאַנסקי, לערנער

— גרייטן אַ ריי אַרבעטן.

אייזיק פלאטנער — האָט אָפּגעגעבן אַ בוך לידער אין פאַרלאַג „עמעס״.
ער גרייט אַ בוך פּראָזע.

מאלטינסקי — גרייט אַ בוך מלחמה־לידער.

ה. קאַמענעצקי — גרייט אַ בוך לידער.

אורי פינקעל, מ. גרוביאַן, ה. קאַמענעצקי, אַ. פלאטנער, ב. מאל־טינסקי, ז. טעלעסין און מ. ליפשיץ האָבן אַן אָפּמאַך מיטן ווייס־רוסישן מלוכה־פאַרלאַג אַרויסצוגעבן זייערע ווערק אויף ווייס־רוסיש.

נאָטע לוריע — שרייבט אַ ראָמאַן „מיר האָבן געזיגט״.

דרוקער — שרייבט אַן אַרבעט „סטאַלין וועגן דער סאָוועטישער קונסט״ און אַ דערציילונג.

ב. ווײַנערמאַן — פאַרענדיקט אַ בוך לידער.

הובערמאַן — פאַרענדיקט אַ קאָמעדיע „דאָס גליקלעכע מיידל״.

משה פינטשעווסקי — האָט איבערגעגעבן דעם מלוכה־טעאַטער אַ נייע פּיעסע.

מעלאַמוד — שרייבט אַ באַנד דערציילונגען „מזרח און מערב״.

משה אַלטמאַן — האָט אַ ריי דערציילונגען פון סאָוועטישן לעבן אין בעסאַראַביע.

גרובער
אפרים רויטמאַן
יאָסל לערנער
מאיר באַראַץ — שרייבן לידער און פּאָעמעס.

פּראָפעסאָר שאַץ־אַנין — האָט פאַרטיק אַ בוך „האַס, וואָס איז שטאַרקער פון טויט״.

ג. מאָושאָוויטש — האָט פאַרטיק אַ בוך „אויפבוי״, וועגן די געראַטעוועטע יידן, ער פאַרענדיקט אַ פּיעסע וועגן יידן־פּאַרטיזאַנען און אַ בוך געטאָ־פאָלקלאָר.

מאַרק ראַזומני — האָט פאַרענדיקט אַ בוך דערציילונגען „זאָל לעבן דער מענטש״.

ג. מאַזין — שרייבט אַ פּיעסע וועגן יידישן לעבן נאָך דער מלחמה.

ז. טימענטשיק — האָט פאַרענדיקט אַ פּאָעמע „מיין חבר דער פּאַרטייער".

ש. יארש — שרייבט אַ פּיעסע וועגן „איציק וויטנבערג".

ה. אָשעראָוויטש — האָט גרייט אַ בוך דערציילונגען און רעפּאָר־טאַזשן.

שלמה ביילים — האָט גרייט אַ בוך וועגן יידן אין ווילנער געטאָ.

יאסאדע

מאיר פּופּס

ג. צוקערמאַן

יעלין — האַלטן אין פאַרענדיקן אַרבעטן וועגן יידישן לעבן אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע.

די האַק פון ליקווידאַציע

1948 — עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די האַק פון ליקווידאַציע איבער די יידישע שרייבער. עס איז געטריבן געוואָרן אַן אַנטיסעמיטישע כוואַליע, די אַנטי־קאָסמאָפּאָליטן־אַקציע, די באַזייטיקונג פון יידן פון אַלע מער אָדער ווייניקער וויכטיקע מלוכה־אַמטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דאָקטוירים־פּראָצעסן, עס ווערן אַרעסטירט די באַקאַנטע אין סאָוועט־רוסלאַנד יידישע דאָקטוירים וואווסי, עטינגער, גרינשטיין, קאַגאַן און אַנדערע. זיי ווערן באַשולדיקט אין פאַרסמען די סאָוועטישע פירער זשוקאָוו, טשערבאַקאָוו און אין פּלאַנעווען צו דערמאָרדן מאַרשאַל קאָניעוו, גאָוואָראָוו, לעוו־טשענקאָ און אַנדערע. די ערשטע אַרעסטירט צו ווערן זיינען געווען די יידישע שרייבער מיט די העכסטע סאָוועטישע אויס־צייכענונגען, ווי דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, ש. האַלקין, איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, ש. פערסאָוו און אַנדערע און אַנדערע.

1949 — עס ווערן געשלאָסן די יידישע מלוכה־טעאַטערס אין מאָסקווע, מינסק, טשערנאָוויץ, בירא־בידזשאַן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע אַקציע קעגן יידן, וואָס שרייבן רוסיש, ווייס־רוסיש, אוקראַיניש און אין אַנדערע שפּראַכן. צענדליקער שרייבער ווערן אַרעסטירט אַלס „קאָסמאָפּאָליטן און פאַספּאָרטלאָזע בראָדיאַגעס".

1952 — ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען אין 1956, שטעלן פעסט, אַז אין יאָר 1952 זיינען דערשאָסן געוואָרן 30 יידישע שרייבער אין פאַרשידענע תפיסות.

וואָס אַן עדות האָט דערציילט

דעם 19טן נאָוועמבער 1949 האָט זיך אויף אַ זייטיקער ליניע פון אַ מאָסקווער וואָקזאַל אָפּגעשפּילט אַזאַ טראַגישע סצענע: אַ גרופּע גרויסע יידישע שרייבער זיינען געטריבן געוואָרן צו דעפּאָרטאַציע־וואַגאָנעס — וואַגאָנעס פאַר בהמות, קליינע פענצטערלעך מיט גראַטעס. צווישן די שרייבער זיינען געווען פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, שמואל האלקין א"א. דעם אַלטן ראש פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, דוד בערגעלסאָן, האָט מען אַ קראַנקן אַריינגעטראָגן אין וואַגאָן.

מיט טרערן אין די אויגן האָבן פיר פרויען צוגעזען די סצענע. זיי זיינען געשטאַנען אַזוי, אַז זיי האָבן געקאָנט זען די אַרעסטירטע, אָבער יענע האָבן זיי ניט געזען. דאָס זיינען געווען די פרויען פון דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש און איציק פעפער, און מיט זיי — זייערע אַ נאָענטע פריינדין, די פרוי פון אַן אָנגעזעענעם סאָוועטישן דיפּלאָמאַט. זי האָט עס אויסגעפּועלט פאַר די דריי פרויען דעם גרויסן חסד: די מעגלעכקייט צו זען זייערע מענער — זיי זען פון דער ווייטן און צום לעצטן מאָל.

די דעפּאָרטאַציע פון די שרייבער איז פאָרגעקומען 5 וואָכן נאָך זייער אַרעסט. די פינף וואָכן האָט מען זיי געהאַלטן אין דער באַרימטער מאָסקווער לוביאַנקע־טורמע. דוד בערגעלסאָן איז דאָרטן שווער קראַנק געוואָרן און איז די גאַנצע צייט געלעגן אין טורמע־שפּיטאָל. פון דאָרטן האָט מען אים אַרויסגעטראָגן אויף דעפּאָרטאַציע.

תיקון טעות

אויף זייט 22 (אין פּאַראַגראַף „די האַק פון ליקווידאַציע") האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פאַר־דראָסיקער טעות.

דער אַרעסט פון די יידישע דאָקטוירים אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען דעם 13טן יאַנואַר 1953 (ניַשט: 1948). זיי זיינען באַשולדיקט גע־וואָרן אין פאַרסמען זשדאַנאָוון (ניַשט: זשוקאָוון) א. אַ. סאָוועטישע פירער.

אויספאָרשונגען און ווענדונגען פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט

ווי נאָר עס האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען וועגן דער ליקווידאַציע פון די יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אָנגעהויבן פאָרשן, צונויפקלייבן מאַטעריאַלן, קאָנטראָלירן די ידיעות, און ער האָט זיי איבערגעגעבן צו דער עפנטלעכקייט. ער האָט וועגן דעם באַריכטעט אויף זיינע קאָנווענשאָנס, איבערגעשיקט דאָקומענטן צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, געמאַכט ווענדונגען צו די סאָוועטישע פאָרשטייער, אינטערווענירט ביי דער קאָמיסיע פאַר מענטשן־רעכט פון די פאַראייניקטע פעלקער. ער האָט אויך געמאַכט ווענדונגען דורך דעם קאָנגרעס פון די פרייע טרעיד־יוניאָנס, דורך א.פ.ל. און סי־אַי־אָ.

אין יענער צייט האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט באַקומען אַן אָפיציעלן באַווייז וועגן דער פאַרשווינדונג פון איינעם פון די פּראָמינענטסטע יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד, דוד האָפשטיין. די קאָראָסטיטשעווער לאַנדסמאַנשאַפט פון ניו יאָרק האָט געשיקט אַ מתנה צו האָפשטיינען — אַ שרייבמאַשין. נאָך אַ סך חדשים וואַרטעניש איז געקומען אַ מעלדונג פון דער סאָוועטישער פּאָסט, אַז דעם פּאָעט האָפשטיין קאָן מען ניט געפינען. מען האָט אים די מתנה ניט איבערגעגעבן — „דער אַדרעסאַט איז אומבאַקאַנט“.

1951 — אויספאָרשונג; מעמאָראַנדום צו יו־ען

אויף דער יערלעכער קאָנפערענץ פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, דעם 16טן, 17טן און 18טן פעברואַר 1951 אין אַטלאַנטיק סיטי, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די רעזולטאַטן פון דער גענויער אויספאָרשונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט וועגן דער ליקווידאַציע פון די יידישע שרייבער. אין מערץ 1951 האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט איבערגעגעבן דער מענטשנרעכט־קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער אַ מעמאָראַנדום וועגן דעם קולטור־דזשע־

נאָסאַיד אין סאָוועט־רוסלאַנד. די מענטשנרעכט־קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט די קבלה פון דעם מעמאָראַנדום דעם 21טן מערץ 1951.

1952 — דעמאָנסטראַציע אין מאַנהעטען סענטער

דעם 21טן דעצעמבער 1952 האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע אין „מאַנהעטן סענטער", ניו־יאָרק, קעגן דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע און די ליקווידאַציע־מעשים לגבי יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, ספּעציעל אויך קעגן באַקאַנטן פּראַגער פּראָצעס.

1953 — דעלעגאַציע פּראָטעסטירט ביים סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר; פּראָטעסט מעמאָראַנדום צו סאָוועטישער רעגירונג

דעם 21טן יאַנואַר 1953 דערשיינט אַ דעלעגאַציע פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט מיט פאָרשטייער פון די טרעיד־יוניאָנס און פון אַרבעטער־רינג ביים סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן און גיט איבער אַן אַנטשפּרעכנדן מעמאָראַנדום. אין דערזעלבער צייט שיקט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אַ פּראָטעסט־מעמאָראַנדום קעגן די סאָוועטישע בלוט־בילבולים אויף יידן צו דער סאָוועטישער רעגירונג.

1953 — מאַסן־מיטינג מיט וואַלטער רוטער

אין מערץ 1953 האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אויף אַ גרויסן מאַסן־מיטינג צוזאַמען מיט די פירער פון סי־אַי־אָ אין ניו־יאָרק פּראָטעסטירט קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און דער פאַרניכטונג פון דער יידישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד. וואַלטער רוטער, דעמאָלטדיקער פּרעזידענט פון סי־אַי־אָ, האָט אויף דער פאַרזאַמלונג אויסגעדריקט דעם פּראָטעסט פון מיליאָנען אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין אַמעריקע.

1953 — בראָשור, קאָנווענשאָן־רעזאָלוציע, פּראָטעסטן דורך פּרעסע און ראַדיאָ

צו דער קאָנווענשאָן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט פון 17־18־19טן אַפּריל 1953 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אויספירלעכע בראָשור וועגן אַנטיסעמיטיזם הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג. דער מאַטעריאַל איז איבערגעשיקט געוואָרן צו דער יו־ען, צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר. אויף דערזעלביקער קאָנווענשאָן איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע קעגן דעם סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם. אַ רשימה פון 68 פאַרשוואונדענע יידישע שרייבער איז איבערגעגעבן געוואָרן צו

דער פּרעסע, איבער די ראַדיאָס, איבער „וואָיס אָוו אַמעריקאַ" און צו דער סאָוועטישער רעגירונג.

1954 — פּראָטעסט קעגן רדיפות אין רומעניע

אין 1950 זיינען אַרעסטירט געוואָרן אַרום 150 ציוניסטישע פירער אין רומעניע. אין הערבסט 1952 זיינען פאָרגעקומען צוויי פּראָצעסן קעגן די ציוניסטישע פירער. אין מערץ 1954 האָבן זיך אָנגעהויבן נייע אַרעסטן און פּראָצעסן. די אורטיילן זיינען געווען — צענדליקער יאָרן תפיסה אָדער לעבנסלענגלעכע תפיסות ביי שווערער אַרבעט

אין יוני 1954 האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון יידישן אַרבע־טער־קאָמיטעט אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דעם משפט איבער די ציוניסטישע פירער אין רומעניע. די רעזאָלוציע איז געבראַכט גע־וואָרן צו דער עפנטלעכקייט און איבערגעשיקט געוואָרן צו דער סאָוועטישער רעגירונג.

1954 — פּראָטעסט אויף קאָנגרעס־פאַרהער

אין אָקטאָבער 1954 איז פאָרגעקומען אַ קאָנגרעס־פאַרהער וועגן דער לאַגע פון די יידן הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג. אין נאָמען פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט איז אויפן פאַרהער אַרויסגעטראָטן יעקב צוקערמאַן, פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג און מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עק־זעקוטיווע פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. ער האָט אַרויסגעבראַכט אויף דעם פאַרהער פיל פּרטים וועגן אַנטיסעמיטיזם און יידישער ליקווידאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד.

1954 — מעמאָראַנדום צום צוזאַמענפאָר פון סאָוועטישע שרייבער

אין דעצעמבער 1954, ווען עס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע דער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרייבער, האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט איבערגעשיקט טעלעגראַפיש אַ מעמאָראַנדום וועגן דער ליקווי־דאַציע פון די יידישע שרייבער, און פאַרלאַנגט די אַריינמישונג פון שרייבער־צוזאַמענפאָר.

1955 — פּראָטעסט צו יו־ען, מעמאָראַנדום צו אייזענהאַוער און דאַלעס

אין יאַנואַר 1955 האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אַרויסגע־שיקט אַ דרינגענדיקן מעמאָראַנדום צום פאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנער יו־ען־דעלעגאַציע, הענרי קאַבאָט לאַדזש, אַז די מענטשן־רעכט־קאָמיסיע

אין דער יו־ען זאָל מאַכן אַן אויספאָרשונג אין פאַרבינדונג מיט דער־האַלטענע ידיעות וועגן גרויזאַמע אורטיילן.

אין מאַי 1955, ערב דער קאָנפערענץ פון די דעמאָקראַטישע מלוכות מיט סאָוועט־רוסלאַנד, האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט איבער־געשיקט אַ מעמאָראַנדום צו די אַמעריקאַנער פאָרשטייער און פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן האָבן אין זינען די פאָדערונגען צו סאָוועט־רוסלאַנד בנוגע אַנטיסעמיטיזם און ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור.

דעם 11טן יולי 1955 האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט איבער־געגעבן וועגן דעמזעלביקן ענין אַ מעמאָראַנדום צו פרעזידענט אייזענ־האַואער און סטעיט־סעקרעטאַר דאַלעס.

1955 — ווענדונג צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר

אין יולי 1955, אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנפערענץ פון זשענע־ווע, האָט דער יידישער ארבעטער־קאָמיטעט איבערגעשיקט אַ ווענ־דונג צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר זארובין און בייגעלייגט אַ רשימאָ פון 68 פאַרשוואונדענע יידישע שרייבער (פון אַ רשימה פון 400 יידישע שרייבער, מאלער, אַקטיאָרן און מוזיקער, וואָס האָבן געלעבט, לויט זי־כערסטע ידיעות, אין 1948, האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אויס־געקליבן 68 פון די באַדייטנדסטע יידישע שרייבער און בייגעלייגט צו זיין מעמאָראַנדום צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר).

1955 — מעמאָראַנדום צום סאָוועטישן מיניסטער מאַלאָטאָוו

דעם 20טן סעפּטעמבער 1955 האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָ־מיטעט איבערגעגעבן אַ מעמאָראַנדום וועגן די פאַרשוואונדענע יידישע שרייבער און דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור צום פאָרשטייער פון סאָוועט־רוסלאַנד ביי די פאַראייניקטע פעלקער, דעם אויסלאַנד־מי־ניסטער וויאַטשעסלאַוו מאַלאָטאָוו.

מיר וועלן ניט אויפהערן צו מאָנען און צו פאָדערן

„זאָל דערהערט ווערן אונזער געשריי״, האָט געזאָגט אַדאָלף העלד נאָכן איבערגעבן די מאַטעריאַלן צום פאָלקס־משפט. „איך האָב איבער־געלייענט די יזכור־רשימות, כדי איר זאָלט האָבן די וויכטיקסטע פאַקטן. איצט ווייסט איר זיי. עס קאָן ניט זיין קיין שטאַרקערע אָנקלאַגע, קיין שאַרפערע באַשולדיקונג ווי אָט דער סך־הכל, וואָס מיר ברענגען דאָ היינט. מיר קאָנען אָבער ניט אָפּקומען בלויז מיט באַשולדיקן די מערדער. מיר

פֿאָדערן, עס זאָל אַלץ געטאָן ווערן כּדי עס זאָלן אָפּגעראַטעוועט ווערן די רעשטלעך פֿון פֿאָלק, וואָס שטייט דאָרטן ביים ראַנד פֿון אונטערגאַנג. עס האָט אונז געבראַכט אַ באַריכט דער פֿאָרזיצער פֿון י. ל. פּרץ שרייבער פֿאַראיין און מיטאַרבעטער פֿון „פֿאָרווערטס", לעאָן קרישטאַל. דאָסזעלבע האָט געטאָן אויך דער קאָרעספּאָנדענט פֿון „פֿאָרווערטס", פֿאַרסקי. זיי האָבן באַשטעטיקט, אויפֿן גרונט פֿון זייער באַקענען זיך מיט די פֿאַקטן אויפֿן אָרט, אַז עס גייט אונטער אונזער פֿאָלק אין סאָוועט־רוסלאַנד. מיר טאָרן ניט און קאָנען ניט שווייגן!!

„וואָס־זשע קאָנען מיר טאָן? קיין האַרמאַטן האָבן מיר ניט. קיין מיליטער האָבן מיר ניט. שוין צוויי טויזנט יאָר ווי מיר, יידן, האָבן נאָר איין מיטל — מיר שרייען, מיר פּראָטעסטירן, און עס טרעפֿט אַמאָל, אַז דאָס העלפֿט. ווען מיר ניט אויפֿהערן צו שרייען, צו מאָנען און פֿאָדערן".

אַדאָלף העלד שטעלט פֿאָר אַלס דעם ערשטן רעדנער דעם פֿריינט רפֿאל אַבראַמאָוויטש.

די דיקטאַטור מוז פֿאַרשווינדן

רפֿאל אַבראַמאָוויטש

דער רעדנער האָט אָנגעהויבן זיין רעפֿעראַט אויף רוסיש:

איך קוק אויפֿן גרויסן עולם דעלעגאַטן, וואָס פֿאַרטרעטן 200 אָדער אפֿשר 250 טויזנט יידישע אַרבעטער פֿון ניו־יאָרק און אומגעגנט און איך טראַכט, און איך טראַכט, אַז די מערהייט פֿון זיי זיינען עמיגראַנטן פֿון רוסלאַנד. דאָס זיינען מענטשן (איך רייד וועגן די עלטערע), וואָס האָבן זיך אין זייער יוגנט באַטייליקט אין דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. צי זיינען זיי געווען בונדיסטן, איסקראָווצעס, סאָציאַל־דע־מאָקראַטן, מענשעוויקעס, ס״ערן אָדער פּועלי־ציוניסטן — זיי זיינען אַלע געווען סאָציאַליסטן, אָנטיילנעמער אין דער רוסלענדישער רע־וואָלוציע. זיי, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד ניט נאָר צוליב פּאָלי־טישע סיבות, נאָר אויך צוליב די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון יידן אין דער צאַרישער צייט, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויב אין רוסלאַנד איז נאָך אַפֿילו ניטאָ קיין סאָציאַליזם, איז דאָרטן יעדנפֿאַלס ניטאָ קיין אַנטי־סעמיטיזם, די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זיינען דאָרטן פֿריי. אַזוי האָבן געגלויבט פֿיל פֿון די, וואָס זיצן היינט דאָ אין זאַל.

די דערפאַרונג האָט אונז אָבער געלערנט, אַז אַזוי ווי עס קאָן ניט געבויט ווערן סאָציאַליזם אויף גוואַלד, אויף טעראָר, אויף דער־שיסונגען און צוואַנג, קאָן אויך ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע פרייהייט דאָרטן, וואו עס הערשט באַרבאַריזם, אוממענטשלעכקייט, וואו עס פעלן אַלע פרינציפן פון מענטשלעכקייט, פון הומאַניזם. הומאַניזם איז אַ בלום, וואָס וואַקסט ניט אויף אַ באָדן, וואָס איז דורכגעווייקט מיט בלוט, מיט שטראָמען בלוט. אין אַ לאַנד, וואו אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן — ניט נאָר אין דער סטאַלין־צייט, נאָר אויך נאָך איר — זיינען מענטשן אַרעסטירט געוואָרן און זייערע קרובים האָבן אַפילו ניט געוואַגט צו פרעגן, וואו עס איז זייער פאָטער, זייער מוטער, זייער ברודער אָדער שוועסטער, זייער זון אָדער טאָכטער, ביי אַזאַ רעזשים קאָן ניט זיין קיין הומאַניזם בנוגע נאַציאָנאַליטעטן. אַם בעסטן האָט עס באַוויזן די סאָוועטישע רעגירונג, ווען זי האָט זיך שוין אינמיטן די דריי־סיקער יאָרן אָפן און ציניש געקערט צום אַנטיסעמיטיזם. זי האָט עס געטאָן טיילוויז אונטער דער ווירקונג פון איר פאַקט מיט היטלערן און טיילוויז מיטן צוועק צו געווינען מיט דעם די ניט־יידישע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד.

אויף אונזער היינטיקער פאַרזאַמלונג פראָטעסטירן מיר קעגן יענע דערשיסונגען, אַרעסטן, פאַרהערן און מודה זיין זיך, וועלכע די סאָוועטישע רעגירונג אַנערקענט איצט אַליין פאַר אומגעזעצלעך. אין די דרייסיקער יאָרן האָט זי עס אָבער דורכגעפירט טאָג איין טאָג אויס, ניט באַגעגענענ־דיק קיין שום ווידערשטאַנד מצד די, וואָס באַשולדיקן איצט אין אַלץ סטאַלינען און טרעטן אַליין אויף ווי מלאכים. און, ווען די פאָרשטייער פון דער בריטישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָבן איצט אין לאָנדאָן גע־פרעגט כרושטשאָוון און בולגאַנינען וואָס איז מיט די אַרעסטירטע חברים־סאָציאַליסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד, צי וועט מען אַרויסלאָזן פון די לאַגערן די, וואָס זיינען לעבן געבליבן, האָט כרושטשאָוו געזאָגט, אַז עס איז אַ גראָבקייט צו שטעלן אַזעלכע פראַגן; אַז די, וואָס שטעלן אַזעלכע פראַגן, זיינען שונאים פון פאָלק.

מיר ווייסן ווער עס זיינען די אמתע שונאים פון פאָלק. די פאָר־שטייער פון דער בריטישער לעיבאָר־פּאַרטיי האָבן פון כרושטשאָווס ענט־פער אַליין געקענט פאַרשטיין ווער עס זיינען די אמתע שונאים פון פאָלק. איצט לאָמיר איבערגיין צו דער אייגנטלעכער טעמע פון אונזער היינ־

טיקער פאַרזאַמלונג און איך וועל ריידן אויף יידיש. איך האָב נאָר גע־מאַכט דעם אַריינפיר אויף רוסיש, ווייל איך וויל, אַז די הונדערטער אָדער טויזנטער מענטשן, וואָס הערן זיך צו צו די קורץ־כוואַליקע ראַדיאָס אויף יענער זייט, זאָלן פאַרשטיין וועגן וואָס עס רעדט זיך היינט אויף אונזער פאַרזאַמלונג.

די קאָמוניסטן האָבן די גאַנצע צייט אין זייער אַגיטאַציע באַהויפטעט, אַז רוסלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד, וואו עס איז ניטאָ קיין אַנטיסע־מיטיזם, אַז אין רוסלאַנד ווערט אַנטיסעמיטיזם באַטראַכט ווי אַ קרימי־נעלער פאַרברעכן. דאָס זיינען געווען פוסטע רייד, באַרימעריי, פונקט אַזוי ווי עס איז געווען באַרימעריי, אַז זיי גייען בויען און בויען אַ סאָ־ציאַליסטישע אָרדענונג. איך האָב שוין פריער געזאָגט — אין אַ לאַנד פון אוממענטשלעכקייט און באַרבאַריזם קאָן ניט זיין אַזאַ זאַך ווי נאַציאָ־נאַלע טאָלעראַנץ, נאַציאָנאַלע פרייהייט, נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. דאָרטן איז קיינער ניט גלייך צום צווייטן און דער פּאָליטביוראָ־מענטש איז דער הערשער איבער מיליאָנען. די דאָרטיקע פירער זיינען שאָקירט ווען עמיצער ענטפערט זיי אין לאָנדאָן. מענטשן מוזן שווייגן און אַפּלאָ־דירן. שטימען איינשטימיק.

אין משך פון 40 יאָר האָט מען איינגעטענהט מיטן פאָלק, אַז קיין אַנדער רעזשים איז גאָר ניטאָ. יעדער אַנדער רעזשים איז אַ רעזשים פון שקלאַפעריי, נאָר ביי זיי איז דאָ פרייהייט און גלייכהייט. מיר זעען, אַז וואָס מער די דיקטאַטור האָט זיך קאָנצענטרירט, האָט זיך פאַרשטאַרקט, אַלץ מער איז זי געוואָרן נאַציאָנאַליסטיש, רוסיש־נאַציאָנאַליסטיש, גרויס־רוסיש־נאַציאָנאַליסטיש, אימפּעריאַליסטיש, און יעדע קליינע נאַציע איז פאַר איר געוואָרן אַ כפרה־הינדל, וואָס מען קוילעט אָדער מען וואַרפט אַרויס — ווי עס פאַסט. יידן זיינען ניט געווען קיין אויסנאַם. אַזוי האָט מען באַהאַנדלט אַלע נאַציעס. אָבער די יידן זיינען אין אַ באַזונדערער לאַגע. זיי זיינען אַ קליין פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט, אָפּהענגיק פון דעם גוטן ווילן פון אַנדערע. און דער גוטער ווילן איז פאַרשוואונדן ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבן שפּילן מיט היטלערן.

אין 1936 האָט סטאַלין שוין געהאַט באַשלאָסן צו גיין מיט היטלערן. דריי יאָר צייט האָט ער צוגעגרייט דעם פאַקט. ער האָט אויסגעראָטן אַלע זיינע חברים, וואָס וואָלטן אפשר געווען קעגן דעם פאַקט, און האָט אויס־געראָטן די יידן, ווייל זיי האָבן אים געשטערט אין דעם שפּיל. ווען עס איז געקומען די מלחמה מיט פּוילן און די סאָוועטישע חילות האָבן איינ־גענומען אוקראַינע, ליטע, ווילנע, די באַלטישע לענדער, זיינען אויף

די ראַדיאָס געווען באַגריסונגען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן — פון די אוקראַינער, פּאָליאַקן, ליטווינער. קיין איין וואָרט אויף יידיש פון יידן. יידן האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין יענעם מאָמענט.

דאַן האָט מען אַרויסגעשיקט פון די אָקופּירטע געביטן קיין רוס־לאַנד אַרום דריי פערטל מיליאָן יידן — קרעמער, אַרבעטער, אינטעלעק־טועלע, די פּויליש־ליטווישע „וואָל־סטריט", וואָס האָט געשטערט דאָרטן צו בויען דעם סאָציאַליזם. מען האָט זיי אַרויסגעשיקט אין סיביר, אין לאַגערן. מער ווי אַ העלפט פון זיי — פון 300 ביז 400 טויזנט מענטשן — זיינען אומגעקומען און קיינער ווייס ניט וואו עס זיינען זייערע קברים.

עס איז געקומען היטלער. סטאַלין איז געווען ניט צוגעגרייט. מיליטעריש ניט צוגעגרייט. אָבער אַז מען האָט געדאַרפט ראַטעווען די הויכע באַאמטע, האָט מען זיי פונדעסטוועגן עוואַקואירט. עוואַקואירן די יידן, וועגן וועלכע מען האָט געוואוסט, אַז היטלער וועט זיי אויס־שעכטן, — אויף דעם האָט מען קיין וואַגאָנעס ניט געגעבן. מען האָט זיי איבערגעלאָזן אויף הפקר. פיל פון זיי זיינען אומגעקומען, אמת ניט אין פּוילן, ניט אין די לאַגערן, נאָר אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען דער גורל פון די האָמלער, די ווילנער, די קיעווער יידן און פון טויזנטער אַנדערע שטעט פון גאַנץ אוקראַינע.

נאָך מער, ווען די יידן האָבן געוואָלט, נאָך פאַרן אָנהויב פון דער מלחמה מיט היטלערן, אַנטלויפן אין רוסלאַנד, האָט מען זיי ניט אַריינ־געלאָזן. עס זיינען געשטאַנען רויט־אַרמייער און האָבן זיי ניט אַריינ־געלאָזן. מען האָט זיי אַרעסטירט, איבערגעשיקט אין לאַגערן ווי פאַר־ברעכער.

אַנטיסעמיטישע כוואַליע נאָך פאַר דער מלחמה

עס איז געקומען די מלחמה אויך אין סאָוועט־רוסלאַנד. נאָך דער מלחמה איז איבערגעבליבן אַ טיפער שפור פון אַנטיסעמיטיזם אין אוקראַינע, און אויך אין רוסלאַנד. היטלערס אַגיטאַציע איז אַריינגע־דרונגען אין פאָלק. איך האָב דעמאָלט געשריבן, אַז איך ווייס ניט וואָס עס איז בעסער — ווען אַ רעגירונג איז אַנטיסעמיטיש, אָבער ניט דאָס פאָלק, אדער: ווען אַ רעגירונג איז פריי פון אַנטיסעמיטיזם, אבער דאָס פאָלק איז אַנטיסעמיטיש.

אין די צאַרישע צייטן איז דאָס רוסישע פאָלק ניט געווען דורכ־געדרונגען מיט אַנטיסעמיטיזם — נאָר ערטערווייז אין אוקראַינע. די רעגירונג איז געווען אַנטיסעימטיש, זי האָט איינגעפּירט אַנטי־יידישע

געזעצן, געמאַכט פּאָגראָמען. די באַפעלקערונג פון רוסלאַנד, באַזונדערס די אינטעליגענץ, איז ניט געווען אַנטיסעמיטיש. איצט איז אי דאָס פאָלק אַנטיסעמיטיש, אי די רעגירונג. אין דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע, אין איר פּראָגראַם איז קיין אַנטיסעמיטיזם ניטאָ — אַלע זיינען גלייך, אָבער זאָל פּרוּוון אַ ייד אַריינקומען אין אַ דיפּלאָמאַטישער שול, וועט ער דאָרט זען, צי אַלע מענטשן זיינען דאָרטן ברידער!

די יידישע אָפיצערן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון פראָנט מיט מעדאַלן (און אין רוסלאַנד האָט מען ניט געגעבן אומזיסט קיין מעדאַלן, באַזונדערס צו יידן) און האָבן געוואָלט גיין צוריק אַהיים — קיין קיעוו, קיין כאַרקאָוו, קיין לענינגראַד, האָט מען ניט געגעבן קיין „פּראָפּוסק". זייערע דירות זיינען שוין געווען צוגענומען. און ווען אין 1945, גלייך נאָך דער באַפרייאונג, איז פאָרגעקומען אין קיעוו אַ צוזאַמענשטויס צווישן אַן אוקראַינישן אָפיצער און אַ יידישן און אין קאַמף האָט דער ייד דערשאָסן דעם אוקראַינער און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ יידישער פּאָגראָם, איז כרושטשאָוו געגאַנגען אויף דער לוויה פון דערמאָרדעטן אוקראַינער ווי פון אַ קרבן פון קאָנטער־רעוואָלוציע. דער ייד איז עס געווען דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. דאָס האָט געטאָן דערזעלבער כרושטשאָוו, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון אוקראַינע. איצט, ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז אין רוסלאַנד איז דאָ אַנטיסעמיטיזם, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז אַן אומזין.

עס זיינען דערהרגעט געוואָרן אויך אַ סך אַנדערע מענטשן — רוסישע, קאַווקאַזישע, אָבער יידן האָט מען דערהרגעט אין אַ גרויסער פּראָפּאָרץ. אַ קליין פאָלק, די יידישע אינטעליגענץ איז געווען ניט קיין גרויסע, איז געווען ניט שווער זי צו פאַרניכטן.

ווען איך האָב געהערט וועגן דערשיסונגען אין רוסלאַנד, האָב איך געוואוסט, אַז מען דערשיסט אָן אַ שיעור. ספּעציעל די אַלטע באָלשע־וויקעס, די וואָס האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע. פון זיי איז ניט געבליבן קיין איינער. ווען איך האָב געלייענט אין „פּראַוודאַ" די שמוציקע אַנטי־סעמיטישע רכילות און מסירות אויף די יידישע דאָקטוירים, יידישע אינ־זשענערן, יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, יידישע באַאַמטע, האָב איך גע־וואוסט, אַז עס שלאָגט אַ אַנטיסעמיטישע כוואַליע. מען האָט געשריבן אַנטיסעמיטיזם אין אַ האַלב־פאַרשטעלטער פאָרם. צום ביישפּיל, דאָקטאָר אַלעקסאַנדער יאַנקעלעוויטש ראַסקין. „יאַנקעלעוויטש"... „יאַנקעל" איז אַ זידל־וואָרט. די „פּראַוודאַ" האָט זיך באַנוצט מיט די אַנטיסעמיטישע מע־טאָדן פון דער „שוואַרצער מאה" אין די צאַרישע צייטן. איך מוז זיך

מודה זיין, אַז מיין אייגענע שוועסטער איז געווען די ערשטע רעדאַק־טאָרשע פון „פּראַוודאַ" אין 1912. איך שעם זיך איצט פאַר איר אָנדענק, וואָס זי האָט געהאָלפן גרינדן אַזאַ צייטונג.

סטאַלין האָט געפּלאַנט אַ געטאָ

אין 1948 האָט מען אַרעסטירט כמעט די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ, די רעשטלעך, וואָס זיינען נאָך געבליבן. מען האָט זיי געהאַלטן פיר יאָר און אין 1952 זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן. פאַרוואָס ווייס מען ניט. מען זאָגט, די קאָמוניסטן האָבן זיך איצט מודה געווען אין מאָרד. דאָס איז אָבער געווען נאָר אויף דער וואַרשעווער ראַדיאָ, אין דער רוסישער ראַדיאָ איז אַ וואָרט וועגן דעם ניט געווען, כרושטשאָוו האָט וועגן דעם דערציילט אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, אָבער מיר ווייסן ניט וואָס ער האָט געזאָגט און וואָס ער האָט ניט געזאָגט.

אין 1952 — ווערט דערציילט פון אַ גוטער קוועלע — זאָל כרושטשאָוו האָבן דערציילט, אַז סטאַלין האָט געהאַט פאַררופן אַ ספּעציעלן מיטינג וועגן דעם, וואָס צו טאָן מיט די יידן אין רוסלאַנד. זיי דערגייען אים די יאָרן, און ער האָט פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן צו מאַכן פאַר זיי אַ געטאָ אין צפון־רוסלאַנד און אַהין אַרויסשיקן אַלע יידן. סטאַלין האָט איבערגע־חזרט דאָס, וואָס ניקאָלאַי דער ערשטער און אַלעקסאַנדער דער דריטער האָבן געטאָן.

און ניט נאָר אין רוסלאַנד. אויך די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל איז געשטעלט געוואָרן אין סכנה. ווער איז שולדיק אין דעם? — איר ווייסט עס אַליין, איך דאַרף אייך ניט זאָגן. איך אַליין האָב געהערט אויף דער ראַדיאָ וואָס בולגאַנין האָט געזאָגט אין רוסלאַנד: „מי, סאָבסטווענאָ, אָרוזשיאַ ניע פּאָסילאַיעם" (מיר, אייגנטלעך, שיקן ניט קיין געווער), אַנדערע טוען דאָס. און אין דער זעלבער שעה ווען ער האָט עס געזאָגט, זיינען רוסישע קריגשיפן געגעבן געוואָרן צו עגיפּטן. זיינען קריגשיפן ניט קיין געווער? אַזוי איז סאָוועט־רוסלאַנד, אַזוי איז דיקטאַטור.

לאָמיר זיך ניט מאַכן קיין אילוזיעס, אַז אַ דיקטאַטור פון עלף איז אַנדערש ווי אַ דיקטאַטור פון איינעם. זי שטיצט זיך אויך ניט אויפן פאָלק. זי בלייבט אַ דיקטאַטור, און אַזוי לאַנג ווי זי בלייבט, קאָן רוס־לאַנד ניט זיין קיין גן־עדן פאַר קיינעם, קאָנען ניט זיין קיין פרייהייטן פאַר קיינעם, און אויך ניט פאַר די יידן. דעריבער מוזן די יידן, אַזוי ווי די ניט־יידן, פאַרשטיין, אַז אין רוסלאַנד מוז פאַרשווינדן די דיקטאַטור. אויב ניט, איז אָך און ווי צום יידישן פאָלק און צו דער גאַנצער וועלט.

זייערע הענט איינגעטונקט אין בלוט

איזידאָר נאַגלער,
וויצע־פּרעזידענט פון אינטערנעשאָנעל

אונזער היינטיקער צוזאַמענקום איז צוליב אַ טראַגישער געשעעניש אין לעבן פון אונזער פאָלק, — מיט די ווערטער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע איזידאָר נאַגלער. — עס איז טראַגיש צו זיצן אויף אַ משפּט און אַרויס־טראָגן אַן אורטייל פאַר אַקטן פון מאָרד איבער יידישע שרייבער, פאַר דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור. עס איז אויך טראַגיש, וואָס נאָר אַ געוויסער טייל פון אונזער פאָלק האָט אויפגענומען די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור אַזוי ערנסט ווי איר האָט עס געטאָן אין פאַרלויף פון די כמעט 40 יאָר פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט.

בשעת איר זיצט דאָ ווי אין אַ געריכט און באַטראַכט די פאַקטן, וואָס זיינען פאַר אייך פאָרגעבראַכט געוואָרן, וויל איך דערמאָנען, אַז די גרויסע אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג — די אַ.פ.ל. און סי־איי־אָ — שטייען שוין 35 יאָר און משפּטן. ניט איין מאָל האָבן זיי געוואָרנט צו דער וועלט וועגן די סאָוועטישע אכזריותן. יאָרנלאַנג האָבן מיר גערעדט, פּרובירט איבערצייגן די מענטשן, וואָס זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט די אמתע פאַקטן, ווי טיף די סאָוועטישע רעגירונג איז געפאַלן און ווי שווינדלערלעך עס איז איר פּאָליטיק פון פאַרניכטונג. פאַר דעם האָט אונז די קאָמוניסטישע פּרעסע געשטעמפּלט אַלס אַנטי־סאָוועטישע העצערס.

ערליך און אַלטער, קדושים פון מענטשלעכער ווירדע און פרייהייט

ביי דער געלעגנהייט דערמאָן איך זיך אָן אַן אַנדער מיטינג. איך דערלויב מיר איבערצולייענען פאַר אייך אַ סטייטמענט אויף אַ פאַר־זאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 30טן מערץ 1943, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָפיציעל דערוואוסט וועגן דעם טראַגישן אומקום פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, די צוויי יידישע סאָציאַליסטישע פירער פון „בונד" אין פוילן. איך האָב ניט פאַרגעסן יענע פאַרזאַמלונג אין מעקאַ־טעמפּל, איך האָב אויפגעזוכט אין אַרכיוו דעם קורצן סטייטמענט, וואָס

אונזער פרעזידענט, דוד דובינסקי, האָט דאָרטן געמאַכט. ער לייענט זיך אַזוי:

„די דערמאָרדונג פון ערליכן און אַלטערן איז אַן אַקט, וואָס שענדט די אידעאַלן, פאַר וועלכע מיר קעמפן אין דער מלחמה פאַר ציוויליזאַציע. אַט דער אַקט שעדיקט דעם פּרעסטיזש פון סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע איז אונזער פאַרבינדעטע אין קאַמף קעגן היטלערן. ווי פרייע אַמעריקאַנער בירגער, ווי אַרבעטער און ווי דעמאָקראַטן, דריקן מיר אויס אונזער פּראָטעסט קעגן זייער דערמאָרדונג און אונזער אומדערשיטערלעכן גלויבן אין זייער אומשולדיקייט און אומבאַפלעקטן אידעאַליזם. ערליך און אַלטער זיינען אומגעקומען ווי קדושים. זיי זיינען אומגעקומען, ווייל אַפילו פאַרן פּרייז פון לעבן וואָלטן זיי זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זייערע איבערצייגונגען, פון די פּרינציפּן פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער וועלט. אין דעם באַשטייט זייער אומשטערבלעכער רום.“

א.פ.ל. היט אָפּ פּרינציפּן פון פרייהייט

די אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָט קיינמאָל ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון די פּרינציפּן, אין וועלכע זי גלויבט, — די פּרינציפּן פון מענטשלעכער ווירדע און מענטשלעכער פרייהייט.

אין 1943 האָב איך געהאַט דעם כבוד צו זיין אַ דעלעגאַט צום בריטישן טרעיד־יוניאָן קאָנגרעס. מיר זיינען געווען אין מלחמה. רוסלאַנד איז געווען אונזער פאַרבינדעטע. עס איז שווער געווען אויסצודריקן די אייגענע געפילן און געדאַנקען אין יענע טעג. אַלס אַ דעלעגאַט פון א.פ.ל. צום בריטישן טרעידיוניאָן קאָנגרעס בין איך געזעסן אויף דערזעלבער פּלאַטפאָרם וואו ניקאָלאַי שווערניק, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער פּרעזידענט פון די אַזוי־גערופענע יוניאָנס אין סאָוועט־רוסלאַנד און איז שפּעטער געוואָרן פּרעזידענט פון דער אַזוי־גערופענער „סאָוועטישער רעפּובליק“. עס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַן ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע. אפשר דערפאַר, ווייל עס איז געווען מלחמה־צייט, ענגלאַנד ליגט אַזוי נאָענט צום אייראָפּעאישן קאָנטינענט און זיי האָבן קיין ברירה ניט געהאַט, נאָר ווען די רוסישע פאָרשטייער האָבן פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַן אַמעריקאַניש־ענגליש־סאָוועטישע קאָמיסיע, האָב איך אַלס פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט אומצווויידייטיק געמאָלדן דעם קאָנגרעס, אַז די א.פ.ל. וועט ניט אָפּטרעטן פון אירע פּרינציפּן, און אַז איך באַטראַכט ניט די רוסישע יוניאָנס פאַר פרייע טרעיד־יוניאָן־אָרגאַניזאַציעס. זיי זיינען בלויז אינסטרומענטן פון דער מלוכה.

איך געדענק די זידלערייען אין דער קאָמוניסטישער פרעסע, סיי אין דער ענגלישער און סיי אין דער אידישער. איך האָב שוין געזאָגט, עס איז ניט געווען אַזוי לייכט אין יענער צייט, ווייל מיר האָבן דאָך געקעמפט צוזאַמען מיט די סאָוועטן אין דער היטלער־מלחמה. דאָס זיינען אָבער געווען די פּרינציפּן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג און מיר ווען ניט איינגיין אויף קיין קאָמפּראָמיסן.

קאָמוניסטישע פּרעסע אַן עדות פון קאָמוניסטישע פאַרברעכנס

מיר זיצן דאָ צו משפטן און אויף אַ משפט איז עדות־זאָגן אַליין ניט גענוג. דאָס עדות־זאָגן מוז באַשטעטיקט ווערן. געפין איך אַ באַשטעטיקונג אין דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער „מאָרגן־פרייהייט" פון 26טן אַפּריל 1956. דאָרטן זאָגט זיך אַזוי: „עס בלייבט נאָך אַ סך אויפצודעקן וועגן דער פאַרקריפּלונג פון דער סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט אונטער דער איין־פּערזאָניקער הערשאַפט פון סטאַלינען און פון די בעריאָס, צו וועמען ער האָט דעלעגירט זיין פּערזענלעכע מאַכט. מען ווייס נאָך ניט וויפל פון די שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויף דעם גרונד פון אַזעלכע ווידויס און צי זיי זיינען בכלל גע־משפט געוואָרן. מיט דער צייט וועט מען זיך מסתמא דערוויסן מער וועגן אָט דער שרעקלעכער טראַגעדיע און וועגן די שולדיקע אין דעם מאָנ־סטערהאַפטן פאַרברעכן".

און אָט איז נאָך אַן אויסצוג פון דער קאָמוניסטישער צייטונג: „אָט די פיינלעכע פראַגע מוז אָפּקלינגען ניט נאָר אין יעדן אידישן ישוב, נאָר בכלל אומעטום, וואו מענטשן טרוימען, אַרבעטן און קעמפן פאַר אַ שלומדיקער וועלט. זי מוז אָפּקלינגען איבער גאָר דער וועלט, וואו נאָר מענטשן קעמפן פאַר זייער אייגענער רעטונג."

ביי כרושטשאָוון אַן ענין, וואָס איז נוגע נאָר רוסלאַנד

אויף אַן אָוונט־ברויט לכבוד כרושטשאָוון און בולגאַניען אין לאָנדאָן האָט דער פירער פון דער בריטישער אַרבעטער־פּאַרטיי היו געיטסקעל איבערגעגעבן די סאָוועטישע געסט אַ רשימה פון 200 סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס געפינען זיך אין די סאָוועטישע לאַגערן, און האָט פאַרלאַנגט זיי צו באַפרייען. איז כרושטשאָוו אַריינגעפאַלן אין אַ גרים־צאָרן: ניטאָ אין סאָוועט־רוסלאַנד קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטן! ניטאָ דאָרטן קיין אַנטי־סעמיטן! און אויב זיי זיינען יאָ דאָ, איז עס קיינעמס דאגה ניט. עס איז נאָר רוסלאַנדס זאַך.

מיר וועלן קיינמאָל ניט מסכים זיין צו באַטראַכטן די פאַרברעכנס פון סאָוועטישן רעזשים פאַר זאַכן וואָס זיינען נוגע נאָר צו סאָוועט־רוסלאַנד. ניין! מיר וועלן ניט שווייגן כל זמן אין סאָוועט־רוסלאַנד און ביי אירע סאַטעליטן וועט ניט געגעבן ווערן פולע פרייהייט צו יעדן מענטשן — פרייהייט צו יחידים, פרייהייט צו גרופּן, פרייהייט צו פעל־קער.

לאָמיר האָפן, אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען עס וועלן פאַר־ווירקלעכט ווערן די חלומות וועגן אַ בעסערער וועלט. איך וואַרט אויף דעם טאָג, ווען אין דער סאָוועטישער פּרעסע וועלן רעהאַביליטירט ווערן די נעמען פון העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, ווען די סאָוועטישע רעגירונג וועט זיך שלאָגן על חטא פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס און וועט אָנזאָגן דער וועלט, אַז די מענטשן אין סאָוועט־רוסלאַנד געניסן פון פרייהייט, פון אַלע רעכט.

זאָל וויסן די וועלט

לואיס האָלענדער,
וויצע־פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן

קיינער פון די רעדנער דאָ אויפן משפּט קאָן ניט שטאַרקער אַרויס־ברענגען די שולד פון כרושטשאָוון און זיין באַנדע, ווי זיי אַליין האָבן עס געטאָן דורך זייער מודה זיין זיך און ווי די קאָמוניסטישע פּרעסע האָט עס געטאָן, איבערגעבנדיק זייער דערקלערונג. די פראַגע איז — ווי דראַמאַטיזירט מען עס, עס זאָל ניט אַזוי שנעל פאַרגעסן ווערן, ווייל זיי אַליין וועלן עס דראַמאַטיזירן אויף זייער אייגענעם אופן. זיי וועלן זיך באַמיען פון די שוידערלעכע פאַרברעכנס אַרויסצוקומען ווי העלדן.

דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין סאָוועט־רוסלאַנד, קאָן אפשר פאַר־גליכן ווערן נאָר מיט היטלער־דייטשלאַנד. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס היטלער האָט פיזיש אומגעבראַכט מיליאָנען יידן, און כרושטשאָוו, סטאַלין און די אַנדערע באַנדיטן האָבן גענוצט אַ מער וויסנשאַפטלעכן מעטאָד: אויסצוראָטן, פאַרניכטן, דערמאָרדן די אינטעלעקטואַלן, די קול־טור־פירער, — אָפּצושניידן דעם קאָפּ און דער גוף וועט שוין אַליין אונטערגיין.

ווי קאָנען מיר דאָס אַלץ דראַמאַטיזירן? איך גלויב, אַז דער יידי־שער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט געמאַכט אַ גוטן אָנהויב. איך וואָלט אָבער פאָרגעשלאָגן אַז די דאָקומענטירטע סטייטמענטס זאָלן דורך אונזערע סע־נאַטאָרן אַריינגעטראָגן ווערן אין „קאָנגרעשאָנעל רעקאָרד". זאָל זיך אַמע־ריקע מיט דעם באַקענען, זאָל עס וויסן די וועלט. אפשר וועט עס דורכ־דרינגען אויך דורך דעם אייזערנעם פאָרהאַנג. לאָמיר בעטן אונזער אַרבעטער־באַוועגונג דאָס צו דראַמאַטיזירן. דאָס איז ניט נאָר אונזער יידישע טראַגעדיע. דאָס איז די טראַגעדיע פון דער וועלט. מוזן מיר צווינגען די וועלט, זי זאָל די גרויסע טראַגעדיע אויפנעמען. מיר טאָרן זיך ניט איזאָלירן. אַלס אַ מיטגליד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וויל איך,

אַז די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל איבערנעמען דעם קאַמף, עס זאָל ווערן דער קאַמף פון דער פרייער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס איז מיר געווען גוט צו לייענען די באַריכטן וועגן דעם, ווי אַזוי די ענגלישע אַרבעטער־פירער האָבן זיך דורכגעווערטלט מיט כרושטשאָוון און בולגאַנין, באַוויייזנדיק, אַז זיי זיינען ליגנער, זיי מיינען ניט וואָס זיי זאָגן. פון איין זייט פריידיקן זיי אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די סאָציאַליסטן און פון דער צווייטער זייט אַנטזאָגן זיי זיך צו באַפרייען פון די סאָוועטישע לאַגערן די אַרעסטירטע סאָציאַליסטן פון דייטשלאַנד, רוסלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, פוילן. די איינציקע, וועמען זיי קאָנען אפשר איבערצייגן, זיינען די ביזנעסלייט פון אַמעריקע און פון ענגלאַנד. זיי זיינען גרייט געווען צו האַנדלען מיט היטלערן און איצט זיינען זיי גרייט צו האַנדלען מיט די סאָוועטישע היטלערס.

איך האָב מורא, אַז אויב מיר וועלן עס ניט דראַמאַטיזירן, וועט נאָך אונזער סטעיט־דעפּאַרטמענט זיי איינלאַדן צו קומען אַהער, אין אַמעריקע. ער וועט עס טאָן אונטערן דרוק פון וואָל סטריט, דערזעלביקער וואָל סטריט, וועלכע די סאָוועטן האָסן אַזוי שטאַרק. זיי וועלן אָבער גיין אויף אַ דינער, וואָס די וואָל־סטריט וועט פאַר זיי איינאָרדנען, און ריידן דאָרטן ביזנעס. אין דעם ליגט די געפאַר. איר מוזט דעריבער פאָרזעצן וואָס איר האָט היינט אָנגעהויבן. דראַמאַטיזירט עס, עפנט די אויגן פון אַמעריקאַנער פאָלק אויף דער אוממענטשלעכקייט, אויף די מערדערייען פון די סאָ־וועטישע פירער, מען זאָל דערזען, אַז זייערע הענט זיינען איינגעטונקט אין בלוט. אויב דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט וועט עס טאָן, וועט ער זיין געבענטשט פון גאָט און פון אַלע פרייע מענטשן.

זיי האָבן זיך ניט געביטן

יעקב צוקערמאַן,
פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג

דער אַרבעטער־רינג האָט געפירט אַלע יאָרן אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן דער אַריינדרינגונג פון קאָמוניזם אין זיינע רייען. אין פּעריאָד פון 1925 ביז 1930 זיינען אָנגענומען געוואָרן שאַרפע רעזאָלוציעס פון אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָנס און צענדליקער אַרטיקלען זיינען געווען גע־דרוקט אין די אָרגאַנען פון אַרבעטער־רינג „פריינד" און „וואָירקמענס סוירקעל קאָל", אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט פּראָטעסט און פאַר־ביטערונג קעגן דער סאָוועטישער דיקטאַטור און עס ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די טויט־סכנה וואָס לויערט איבער דער יידישער קול־טור, איבערן יידישן לעבן אין סאָוועט רוסלאַנד בכלל.

אָבער נישט בלויז ווי אַ געפאַר פאַרן יידישן פאָלק האָט דער אַרבע־טער־רינג באַקעמפט די אַלע יאָרן דעם קאָמוניזם און די סאָוועטישע דיק־טאַטור נאָר — ווי אַ שונא פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט בכלל. ס'איז דער היסטאָרישער גורל פון דעם יידישן פאָלק, אַז מיר זיינען שטענדיק די ערשטע קרבנות פון אַ פאָלקס־פיינטלעכן רעזשים, די ערשטע צו ליידן פון טיראַניי, דעספּאָטיזם און טאָטאַליטאַריזם. טאָ, אויף וואָס האָבן מיר זיך געקענט ריכטן פון די סאָוועטישע הערשערס? צי דאַרף מען זיך נאָך וואונדערן, אַז זייערע רדיפות אויף יידן האָבן זיי אָנגעהויבן נאָך פאַר היטלערן? אין יידישן פאָלק האָבן זיי דאָך געזען אַ געפאַר פאַר זייער דיק־טאַטאָרישער מאַכט.

וואו האַלטן מיר היינט אין סאָוועט רוסלאַנד? — פרעגט דער רעד־נער, און ער ענטפערט: — באמת איז ניט פאָרגעקומען קיין שום ענדע־רונג אין דער בלוטיקער דיקטאַטור פון סאָוועט־רוסלאַנד. בולגאַנין און כרושטשאָוו פאָרן אַרום און שמייכלען, אָבער דאָס איז דיזעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. די באַנדיטן און גענגסטערס זיינען היינט־צו־טאָג געוואָרן שמייכלענדיקע דיפּלאָמאַטן. זיי זיינען אָבער מערדער. די

צוויי דיקטאַטאָרן וועלכע זיינען לעצטנס געווען אין לאָנדאָן, האָבן געזען ווי מען בייט די „גאַרדס״ ביים קעניגלעכן פּאַלאַץ. אָבער זיי האָבן זיך גאָרניט געביטן. זיי רייסן אַרונטער סטאַלינען ווי אַ מערדער און אַנטיסע־מיט, אָבער הינטער זייערע שמייכלען באַהאַלטן זיך דיזעלבע מערדער און אַנטיסעמיטן. זיי האָבן אויף זייער באַזוך אין לאָנדאָן אַפילו ניט צוגעלאָזט צו זיך קיין יידישע דעלעגאַציע.

מיט יאָרן צוריק האָט דער אַרבעטער־רינג געפירט גרויסע פּראָ־טעסט־אַקציעס קעגן פּאָגראָמען אויף יידן אין צאַרישן רוסלאַנד. מיט נישט ווייניקער שאַרפקייט פּראָטעסטירן מיר היינט קעגן די רדיפות אויף יידן אונטערן סאָוועטישן רעזשים.

דאָ אין זאָל געפינען זיך נישט ווייניק פריינט אונדזערע, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן יאָרן פון זייער לעבן אין די תפיסות פון צאַרישן רוסלאַנד, אין די אייז־מדבריות פון סיביר. מיר, מיטגלידער פון גרויסן אַרבעטער־רינג, טראָגן אין זיך די ירושה פון דורות קעמפּער קעגן אונטערדריקונג, קעמפּער פאַר פרייהייט אין די רייען פון בונד, אין די רייען פון אַנדערע מחנות סאָציאַליסטישע פרייהייט־קעמפּער אין דער אַלטער היים. מיר וועלן נישט רוען אין אונדזער קאַמף צוזאַמען מיט דער אַמעריקאַנער און מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג — אין קאַמף קעגן באָלשעוויזם און טאָטאַליטאַריזם בכלל, אין קאַמף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אונדזער דעמאָקראַטיע און פרייהייט.

מיר שווערן אַ שבועה

נ. כאַניןֿ,
גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג

ווען די קאָמוניסטישע „פרייהייט" אין ניו־יאָרק איז אַרויסגעקומען מיט אַן 8־קאָלום־קאָפּ אויף דער ערשטער זייט און זיך מודה געווען אין די מערדערייען, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן אונטער סטאַלינען — זיי האָבן עס אָנגערופן מיטן נאָמען מערדערייען — האָט מען מיך אָפּגערופן דעמזעלביקן טאָג און געפרעגט, צי האָבן אַנטי־קאָמוניסטן פאַרכאַפּט די „פרייהייט" און מיך באַשטימט פאַר איר רעדאַקטאָר. אין יענעם מאָמענט איז עס געווען אַ צוגעפּאַסטער שפּאַס.

די „פרייהייט" שרייבט לעצטנס יעדן טאָג וועגן סטאַלינס מערדערייען. זי טוט עס מיט שמד־שטיק, עס זאָל אויסקומען, אַז עס זיינען נאָר געווען טעותן, טעותן פון סטאַלינען. הונדערטער מענטשן אויסגעשאָכטענע — אַ טעות. טויזנטער מענטשן אומגעבראַכטע — אַ טעות. מיליאָנען מענטשן ליקווידירטע — אַ טעות. טעותן, וואָס מען דאַרף און מען קאָן פאַרריכטן. ווער איז אין דעם שולדיק, לויט דער „פרייהייט"? — די, וואָס באַקעמפן סאָוועט־רוסלאַנד. אין דעם זאָל זיין שולדיק רפאל אַבראַמאָוויטש, אין דעם זאָל איך זיין שולדיק. און זיי, די קאָמוניסטן? — זיי זיינען גאָט די נשמה שולדיק. דאָס געהערט צו די שפּאַסן פון דער טראַגעדיע.

די, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַזאַ גרויסער צאָל דאָ אין זאַל, האָט קיינער ניט געגעבן קיין באַפעל אַהער צו קומען. דאָ איז ניט אַ פאַרזאַמלונג פון איבער טויזנט מענטשן. ניין, דאָ איז אַ פאַרזאַמלונג פון איבער טויזנט פאַרטרעטער פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָט געבראַכט אַהער דער צאָרן. פון דער טיפעניש פון זייערע הערצער ווילן זיי אַרויסברענגען זייער פּראָטעסט. פון דער טיפעניש פון אונזערע הערצער שיקן מיר אונזער פאַרדאַמונג צו יענע, וואָס זיינען געווען אַקטיוו באַטייליקט אין די גרויסע מערדערייען. מיר ריידן וועגן די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער. איך וועל אייך

זאָגן דעם אמת, אַז, ווען, למשל, פעפער וואָלט געשטאָרבן מיט אַ נאַ־טירלעכן טויט, וואָלט איך קיין טרער ניט אַרויסגעלאָזן. ווען אָבער פעפער איז אומגעבראַכט געוואָרן, איז עס דער גרעסטער ביישפּיל פאַר דעם, וואָס פאַר אַ לאַנד דאָס איז און ווער עס רעגירט איבער איר. עס רעגירן מענטשן, וועמענס הענט זיינען איינגעטונקט אין בלוט.

מאָרד און טעראָר אונטער לענינס הערשאַפט

מען רעדט וועגן דעם יאָר 1946, 1947. מען דערמאָנט איין מאָל און נאָך אַמאָל סטאַלינען. ער איז שולדיק, בעריאַ איז שולדיק, אָבער געדענקט אַז די באַמיאונגען צו מאַכן בלויז סטאַלינען פאַרן שולדיקן איז אַ קאָמוניסטישער שפּיל. מען טאָר אין דעם שפּיל ניט אַריינגעשלעפּט ווערן. אין 1922 איז סטאַלין נאָך ניט געווען סטאַלין. לענין איז געווען דער הערשער איבער סאָוועט־רוסלאַנד. אין יענער צייט האָט מען דורכ־געפירט דעם ערשטן שוידערלעכן אוממענטשלעכן משפּט איבער צוועלף עס־ערן. מען האָט זיי פאַרמשפּט צום טויט. וואָס איז געווען זייער שולד? זי איז געווען איינע — זיי האָבן ניט געוואָלט גיין אין לענינס שפּאָן.

מען דערציילט, אַז מען וויל איצט אַרויסנעמען סטאַלינס קערפּער פון מאַוזאָלעי, ער זאָל ניט ליגן ביי לענינס זייט. איך מיין, אַז זיי זיינען ווערט איינער דעם צווייטן. זיי דאַרפן ליגן איינער לעבן דעם אַנדערן. גענאָסע אַבראַמאָוויטש דערציילט, אַז ווען בוכאַרין איז געקומען אין בער־לין, האָבן זיך מיט אים געטראָפן דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, רוסישע מענשעוויקעס און אַפּעלירט צו אים, מען זאָל די צוועלף עס־ערן ניט שיסן. בוכאַרין האָט צוגעזאָגט. דערפאַר האָט אים שפּעטער לענין גע־טאַדלט. בוכאַרין האָט ניט אויסגעפירט, לענין האָט אויסגעפירט. דער מאָרד איבער די צוועלף איז אויסגעפירט געוואָרן און ווייטערדיקע מאָרדן זיינען פאַרגעזעצט געוואָרן.

מאָרד פון שרייבער, פאַרניכטונג פון קולטור און שאַפונג

מיר אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט שטרייכן באַזונדערס אונטער דעם טויט פון די יידישע שרייבער, וויל געמיינט האָט עס אַ טויט צו דער יידישער קולטור, געמיינט האָט עס פאַרפאָלגונגען אויף די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. איך ווייס, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אַרונטערגעהאַקט די קעפּ פון די בעסטע און איידלסטע אין דער רוסישער ליטעראַטור, אויך פון אַנדערע ליטעראַטורן אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער ביי יענע פעלקער זיי־נען געבליבן אַנדערע שרייבער. אַלעמען אויסשעכטן האָבן זיי ניט גע־

קאַנט. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרניכטן די אוקראַינישע שפּראַך, די אוקראַינישע ליטעראַטור. אָבער זיי האָבן געקאָנט אומברענגען אַלע יידישע שרייבער, אַלע יידישע קולטור־טוער, און פאַרבאָטן די שפּראַך, אויסרייסן די יידישע צונג. זיי האָבן דערפירט צו דעם, עס זאָל דערקלערט ווערן פאַר אַ פאַרברעכער דער, וואָס לייענט אַ יידיש בוך, דאָס איז אַ ווילדער, אוממענטשלעכער באַרבאַריזם.

היטלער האָט אויסגעמאָרדעט זעקס מיליאָן יידן. ער האָט עס געטאָן אויף זיין ברוטאַלן וועג. ער האָט אויף דער ראַדיאָ געשריען, אָנגעזאָגט, אַז ער וועט אויסהרגענען די יידן. מיר האָבן פון היטלערן עפּעס אַנדערש ניט געקאָנט דערוואַרטן. נאַטירלעך, איז עס געווען אונזער גרויסער צער. מיר האָבן דאָך פאַרלאָרן אַ דריטל פון אונזער פאָלק. אָבער דאָס האָט געטאָן היטלער, דער, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל פון הייליקייט, וואָס האָט ניט צוגעזאָגט דער וועלט קיין סאָציאַליזם. זיין פאַרטיי האָט ניט געשיקט קיין פאַרטרעטער אין אַלע עקן פון דער וועלט צוצוזאָגן די פעלקער, די אַרבעטער אַלע גליקן. אַנדערש איז געווען סטאַלין. דעריבער איז אַנדערש די גרויס פון זיין פאַרברעכן.

אַלע זענען שולדיק, אַלע האָבן זיך געבאָדן אין בלוט

אין 1942 האָבן מיר געשריבן, אַז ווען די פרייע לענדער וועלן פאַר־ניכטן דעם היטלער־רעזשים און זיי וועלן איבערלאָזן דעם סטאַלין־רע־זשים, וועט די וועלט דאָך קיין רו ניט האָבן, וועט די וועלט ניט קאָנען גיין צו פרייהייט. דעמאָלט האָבן מיך די קאָמוניסטן פאַרשריען ווי אַ „צעשיסער". אויך אין אונזערע רייען זיינען געווען מענטשן — ניט קיין קאָמוניסטן, חלילה, ניט קיין פעלאָו טרעוועלערס — אונזערע מענטשן, וועלכע האָבן געפירט מיטן קאָמוניזם אַ קאַמף, אָבער שטילערהייט האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות, אַז איך האָב דאָס שרייבן ניט געדאַרפט. און היינט איז מיין שותף אין „צעשיסן" — און איך שעם זיך מיט דעם — געוואָרן כרושטשאָוו. ער רעדט וועגן די באַנדיטן סטאַלין און בעריאַ.

וואָס וועט זיין ווייטער? עס שיינט מיר, אַז כרושטשאָוו גרייט זיך צו ווערן דער דיקטאַטאָר, סיידן ער וועט האָבן דעם סוף פון בעריאַ. אויב כרושטשאָוו זאָל ווערן דער דיקטאַטאָר, וועט רוסלאַנד מסתמא דורכגיין אַ נייעם סטאַלין־פעריאָד. אויב כרושטשאָוו וועט ניט ווערן דער דיק־טאַטאָר, וועלן בלייבן ביי דער מאַכט אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן סטאַ־לינען אין אַלץ געהאָלפן — וועט בלייבן ביי דער מאַכט, לאָמיר זאָגן,

מאַלענקאָוו. ער האָט דאָך געקושט קליינע קינדער אין ענגלאַנד, ער איז דאָך אַרומגעגאַנגען איבער ענגלאַנד מיט אַ וואונדערבאַרן שמייכל, אין וועלכן אַלע פרויען האָבן זיך פאַרליבט. עס איז דערזעלבער מאַלענקאָוו, וועלכער איז געווען סטאַלינס רעכטע האַנט, ער האָט אים געהאָלפן דורכפירן אַלע מערדערייען.

מען וואַרפט איצט די שולד אויף בעריא. ווען עס זיינען דער־מאָרדעט געוואָרן אסתר פרומקין, ירחמיאל וויינשטיין, די שרייבער משה קולבאַק, איזי כאַריק און אַנדערע, איז דאָך דעמאָלט כרושטשאָוו שוין אויך געווען אויף דער וועלט. איז דעמאָלט נאָר סטאַלין געווען שול־דיק? וואו איז געווען יעזשאָוו? וואו איז געווען יאַגאָדאַ? וואו זיינען געווען דעמאָלט כרושטשאָוו, מאַלענקאָוו, בולגאַנין, מאָלאָטאָוו? ניט נאָר סטאַלין האָט זיך געבאָדן אין בלוט, די אַלע זיינען געווען אין דערזעלבער באָד. מיר פאַרדאַמען ניט נאָר סטאַלינען, מיר פאַרדאַמען די אַלע, וואָס זיינען געווען מיטשולדיק און ווילן זיך איצט אָנטאָן אַ מאַנטל פון אומ־שולד.

די דיקטאַטור מוז אָפּגעשאַפט ווערן

ווען מיר וואָלטן גערופן אַזאַ קאָנפערענץ צו פּראָטעסטירן קעגן סטאַ־לינען אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, וואָלטן צו איר ניט געקומען אזויפיל מענטשן. דאָס האָט אונז אָבער אין יענער צייט ניט אָפּגעשטעלט צו פירן אונזער קאַמף, אונזער אויפקלערונג. אונזער פאָלק האָט געדאַרפט באַצאָלן אַזאַ ביטערן פּרייז, כדי מיליאָנען און מיליאָנען זאָלן דערזען און פאַרשטיין וואָס עס מיינט די סאָוועטישע דיקטאַטור. מיר וועלן ניט רוען. מיר וועלן אונזער קאַמף פאָרזעצן ביז וואַנען די וועלט וועט זיך באַפרייען פון דעם אומגליק, וואָס טראָגט דעם נאָמען קאָמוניזם.

כל־זמן מען וועט אונז סאָציאַליסטן קאָנען וואַרפן אין פּנים: „איר זעט דאָך דעם סאָציאַליזם אין סאָוועט־רוסלאַנד", וועלן מיר ניט קאָנען מיט דערפאָלג טאָן אונזער סאָציאַליסטישע אַרבעט. קודם־כל מוז די דיקטאַטור אָפּגעווישט ווערן. עס דאַרף אויך פאַרטריבן ווערן ביי אונז אין אַמעריקע יעדער שפור פון קאָמוניזם. נאָר דעמאָלט וועלן מיר קאָנען פרייער, קאָנסטרוקטיווער, מענטשלעכער קעמפן און גיין אויפן וועג צו דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. ערשט דעמאָלט וועלן מיר קאָנען פירן אונזער קאַמף פאַר אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט. דאָס דאַרף זיין אונזער שבועה אויף דער היינטיקער קאָנפערענץ.

רעזאָלוציע פון פאָלקס־משפט

יעקב פּאַט, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, האָט פאָרגעלייענט אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־קאָמיטעט פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„די אויסמאָרדונג פון די סאָוועטישע יִדישע שרייבער און קינסט־לער, דער פּאָגראָם איבער דער יידישער קולטור, די פאַרניכטונג פון די יידישע שולן, די ליקווידאַציע פון די יידישע ביכער אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען איצט פעסטגעשטעלטע פאַקטן. די ליקווידאַציע פון יידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז מערדעריש געפּלאַנט געוואָרן און בהדרגה דורכ־געפירט געוואָרן פון 1930 ביז 1956. די אַרעסטן און ליקווידאַציע פון די יידישע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין די יאָרן 1937 און 1938. שוין דעמאָלט זיינען ליקווידירט געוואָרן איזי כאַריק, משה קולבאַק, אסתר פרומקין, ירחמיאל וויינשטיין, מאַקס עריך און צענדליקער, צענדליקער אַנדערע.

אין יענער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער יידישער שול. עס זיינען געשלאָסן געוואָרן די יידישע געריכטן. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן יידישע פּאָעטן, קריטיקער און היסטאָריקער, ווי פּראָ־פעסאָר ליבערבערג, כאַוויקין, העלער, דימענטשטיין, ישראל צינבערג א״א.

אין 1939, אין אָנהויב פון היטלערס מלחמה, זיינען דורכגעפירט גע־וואָרן אַרעסטן אין די אָקופּירטע לענדער, עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, יידישע סאָציאַליסטן, שרייבער. מיר דער־מאָנען די נעמען פון הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער, זלמן רייזען, אַננאַ ראָזענטאַל, אַדוואָקאַט י. טשערניכאָוו א״א.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די ברוטאַלסטע דזשענאָסאַיד־אַקטן האָבן זיך אָנגעהויבן אין 1948. עס איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן די גאַנצע פּלעיאַדע פון די יידישע שרייבער, קינסטלער, פאַרשער, מיט דוד בערגעלסאָן, פרץ מאַרקיש, דוד האָפשטיין, דער נסתר, לייב קוויטקאָ אין דער שפּיץ.

אַכט יאָר נאָכאַנאַנד האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, און מיט

אים די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג, געפאָדערט, געמאָנט. די שולדיקע האָבן מערדעריש געשטומט.

מיר שטעלן פעסט, אַז עס איז ניט סתם אַ גרויזאַמער מאָרד. ער איז געווען דורכגעפרעסן מיטן בלוטיקסטן אַנטיסעמיטיזם. אַזוינס איז ניט געשען צו קיין אנדערער פון די 70 פעלקערשאַפטן, וואָס באַוואוינען די סאָוועטישע אימפעריע.

די איצטיקע סאָוועטישע הערשער וואַרפן די שולד אויף סטאַלינען און בעריאַן. זיי קאָנען אָבער ניט זיין פריי פון דער שולד. געבעלס, גערינג און זייערע ברידער־מערדער זיינען געווען שולדיק אין מאָרד פון די זעקס מיליאָן יידן פונקט אַזוי ווי זייער טשיף היטלער. אַזוי האָט גע־פסקנט דער וועלט־געריכט פון די פרייע פעלקער. מיר פסקענען היינט, אַז אין דער קאַלטער ליקווידאַציע פון יידישן פאָלק אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין דער אויסמאָרדונג פון די יידישע שרייבער זיינען שולדיק די חברים און דינער צוזאַמען מיט זייער טשיף סטאַלין.

ניט נאָר די מערדער זיינען שולדיק. שולדיק איז די סיסטעם, שולדיק איז די באַוועגונג. עס זיינען אויך מיטשולדיק די אַלע, וואָס האָבן גע־שטומט, געוואוסט און געשוויגן. מיר שטעמפלען די האַלטונג פון די קאָמוניסטן ביי אונז אין לאַנד. זיי האָבן לעצטנס געוואַגט זיך מודה צו זיין אין די קאָמוניסטישע מאָרדן פון די יידישע שרייבער און די אַנטי־סעמיטישע מעשים פון סטאַלינען און זיינע חברים ערשט נאָכדעם ווי דאָס האָבן שוין געטאָן, לויט אַ באַפעל, די יידישע קאָמוניסטן פון פוילן.

אויפגעציטערט ביז די טיפעניש פון אונזערע נשמות, דריקן מיר אויס אונזער פראָטעסט קעגן דער גרויזאַמער פאַרניכטונג. מיר פאַרדאַמען און פאַרמשפּטן די מערדער צו אייביקער שאַנד. זאָלן דורות וויסן און געדענקען!

מיר פאָדערן פון דער סאָוועטישער רעגירונג און פון דער גאַנצער קאָמוניסטישער באַוועגונג אַ פולן באַריכט. מיר פאָדערן, עס זאָל גע־מאַכט ווערן אַ סוף צו אַקטן פון ליקווידאַציע. עס זאָלן באַפרייט ווערן די, וואָס שמאַכטן נאָך אין די טורמעס און קאַטאָרגעס. מיר פאָדערן פרייהייט פאַר דער יידישער קולטור, פאַר דער יידישער דערציאונג.

זאָלן אויפגעהויבן ווערן די אייזערנע פאָרהאַנגען. זאָל געשאַפן ווערן אַ פאַרבינדונג צווישן די צוויי מיליאָן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד און די יידן אין גאָר דער וועלט. זאָל געגעבן ווערן דאָס רעכט אַרויסצופאָרן צו די, וואָס וועלן עס פאַרלאַנגען. כל־זמן דאָס וועט ניט געשען, וועלן

שטיין פאַר אונז די היינטיקע הערשער פון סאָוועט־רוסלאַנד פאַרמשפּט און פאַרדאַמט.״

די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן.
„אַפּלאָדירן דער רעזאָלוציע איז ניט גענוג״, האָט געזאָגט יעקב פּאַט, „לאָמיר אויסדריקן אונזער איינשטימיקייט מיט דער רעזאָלוציע דורך אויפהויבן די הענט אין דער הויך.״
אין זאַל פון דער קאָנפערענץ איז געווען צו זען אַן אימפּאָזאַנט בילד. אַלע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן. עס איז געווען אַ שטומע, אָבער פיל זאָגנדיקע דעמאָנסטראַציע פון די דעלעגאַטן צום פאָלקס־משפּט. ווען עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן איינ־שטימיק, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן.

דער סאָוועטישער פילם

צום סוף פון פאָלקס־משפט איז געוויזן געוואָרן אַ פילם, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון סאָוועט־רוסלאַנד. אין דעם פילם קאָן מען זען די יידישע שרייבער און אַקטיאָרן ווען זיי האָבן נאָך געלעבט, פאַר זייער אונטערגאַנג. איידער דער פילם איז געוויזן געוואָרן, האָט יעקב פּאַט געמאַכט פאָלגנדע איינלייטונג:

„איר וועט זען אין דעם פילם," האָט ער געזאָגט, „דריי בילדער. איין בילד ווייזט, ווי מען גרייט זיך צו שפּילן שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס" אין מאָסקווער יידישן קאַמער־טעאַטער. איר וועט זען סצענעס פון „גרויסן געווינס". מען טאַנצט און מען זינגט. איצט זעט עס אויס ווי אַ טאַנץ און געזאַנג פאַרן אונטערגאַנג.

דאָס צווייטע בילד ווייזט אייניקע סצענעס פון אַ באַרימטער פאַר־שטעלונג פון מאָסקווער יידישן קאַמער־טעאַטער — סצענעס פון וויליאַם שעקספּירס „קעניג ליר". איר וועט זען אויפן פילם די באַרימטסטע יידישע אַקטיאָרן פון סאָוועט־רוסלאַנד מיט שלמה מיכאָעלס אין דער שפּיץ.

דאָס דריטע בילד ווייזט אַ זיצונג פון דעם טרויעריק באַקאַנטן, „אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט". איר וועט זען זיין פאָרזיצער, זיינע מיט־אַרבעטער, זיינע מיטגלידער. דריי פון זיי האָלטן רעדעס. זיי האָבן אייגנטלעך געוואָלט ריידן צום אַמעריקאַנער יידנטום. איינער פון די דריי לעבט נאָך. עס הייסט איליאַ ערענבורג. ער איז געווען דער שמוציקסטער דינער פון סטאַלינען, אַ פאָלקס־פאַררעטער. זיין רעדע האָבן מיר פאַר־קירצט. מיר האָבן אייך געוואָלט לאָזן אַביסל פון איר נאָר אַלס אַ דאָ־קומענט פון יענער צייט.

דער צווייטער רעדנער איז געווען דער אומגעקומענער אין מינסק באַרימטער יידישער אַקטיאָר שלמה מיכאָעלס, דער שעפער און גרינדער פון יידישן קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע. איר וועט אים זען אויך איןביידע פּיעסן — סיי אין שלום־עליכמס און סיי אין שעקספּירס. ער איז דער קעניג ליר. איר וועט זען נאָך יידישע אַקטיאָרן, וואָס לעבן שוין ניט.

מיר ווילן זיי אייך ווייזן נאָר ווי אַ מין זכר לחורבן. וואָס האָבן זיי געטאָן, די יידישע אַקטיאָרן, איידער מען האָט זיי אומגעבראַכט? — זיי האָבן געשפּילט יידיש טעאַטער, געטאַנצט און געזונגען, אַרויסגעבראַכט שלום-עליכמען, שעקספּירן. און וואָס האָט מיט זיי געטאָן דער קאָמוניזם? — ער האָט זיי אומגעבראַכט. וואָס איז געווען זייער זינד? — זיי זיינען געווען יידישע אַקטיאָרן. זיין יידן איז אַ זינד, וואָס איז שוין אַלט צוויי טויזנט יאָר.

דער דריטער רעדנער איז פּרץ מאַרקיש.

איך וויל צוגעבן, אַז מיר ווייזן דעם פילם ניט דערפאַר, ווייל מיר ווילן ווייזן זייער גרויסקייט, זייער באַרימטקייט. ניט דאָס זיינען מיר אויסן. עס איז געווען געשריבן אין אַן אַלטן יידישן ספר: ווען אַ ייד קומט אום, מעג ער זיין ווער ער איז געווען, נאָר אויב ער קומט אום דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ ייד, איז ער מיט דעם שוין אַ קרבן פאַרן פאָלק.

נאָכן פאָלקס־משפט

דער פאָלקס־משפט האָט געהאַט אַ הויכן אָפּקלאַנג ניט נאָר צווישן ייִדן, נאָר אויך אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער פּרעסע. אַ גרויסע צאָל ראַדיאָ־סטאַנציעס האָבן וועגן אים דערציילט זייערע צוהערער. פּרטים פון משפט זיינען געווען געדרוקט אין דער גאַנצער אַמעריקאַניש־ייִדישער פּרעסע. באַריכטן וועגן משפט זיינען אויך געווען אין די ייִדישע צייטונגען פון פאַרשידענע לענדער, אויך אין די שפּאַניש־ריידנדיקע לענדער. די פאַקטן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ, אויסצוגן פון די רעדעס, די אָנגענומענע רעזאָלוציע זיינען איבערגעשיקט געוואָרן צו טויזנטער מענטשן איבערן לאַנד — צו פּאָליטישע טוער, געמיינדע־פירער — צו אַ גרויסער צאָל ייִדישע און אַלגעמיין אַמעריקאַנער אָר־גאַניזאַציעס. מיר ברענגען אַלס אַ ביישפּיל אַן אויסצוג פון איינעם פון די „פאָרווערטס"־באַריכטן נאָכן פאָלקס־משפט:

— שולדיק!

— שולדיק אין אויסשעכטן ייִדישע שרייבער!

— שולדיק אין אויסראָטן די ייִדישע קולטור!

— שולדיק אין ברענען ייִדישע ביכער!

— שולדיק אין האַלטן געפאַנגען העכער צוויי מיליאָן ייִדן אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען פאַרשטומט און קאָנען זיך ניט צונויפריידן מיט זייערע ברידער און שוועסטער איבער דער וועלט!

שולדיק! שולדיק אין צענטלינגער טויזנטער מאָרדן, שולדיק אין פאַרוואַנדלען אַ גרויס לאַנד אין אַ תפיסה! שולדיק אין אַראָפּלאָזן איבער מדינות אייזערנע פאַרהאַנגען.

דאָס איז געווען דער אורטייל, וואָס דעלעגאַטן פון הונדערטער ייִדישע אַרבעטער־, קולטור־ און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַרויס־געטראָגן ביי דעם דראַמאַטישן פאָלקס־משפט איבער די מערדער פון ייִדישע שרייבער און דער ייִדישער קולטור, וואָס דער ייִדישער אַרבע־טער־קאָמיטעט האָט דורכגעפירט נעכטן אָוונט אין בילטמאָר האָטעל.

פאַרגליווערטע זיינען די העכער טויזנט דעלעגאַטן געזעסן און גע־קוקט אויף אַ פילם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, אַ פילם, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פונקט ווי עס זיינען איבערגעשניטן געוואָרן די לעבנס פון די יידישע שרייבער און שוישפּילער. מען האָט געהערט זייער קול, געזען ווי זיי שפּילן טעאַטער. מען האָט זיי געזען און געהערט און עס האָט זיך געדוכט ווי זיי וואָלטן גערעדט פון זייערע קברים, וועגן וועלכע מען ווייס אַפילו ניט וואו זיי זיינען. אויף אַלעמענס ליפּן האָט געשוועבט די פראַגע:

— קין, וואו איז דיין ברודער הבל?

צוזאַמען מיט דער פאַרדאַמונג איז געקומען די פאָדערונג צו די איצטיקע הערשער פון סאָוועט־רוסלאַנד: גיט צוריק די רוסישע יידן דאָס רעכט זיך אויסצולעבן ווי יידן! גיט די פרייהייט צו די, וואָס ווילן אַרויספאָרן פון סאָוועט־רוסלאַנד! גיט די מעגלעכקייט צו די, וואָס ווילן זיך פאַרבינדן מיט זייערע ברידער איבער די גרענעצן!

עס איז געווען אַ משפּט און אַן אורטייל, וואָס וועט אָפּהילכן איבער דער וועלט.

ביילאַגעס

צאָל פון די פאַרשוואונדענע אין סאָוועט־רוסלאַנד יידישע שרייבער, קינסטלער, מוזיקער און אַרטיסטן:

238	יידישע שרייבער
87	מאלער
99	אַרטיסטן
19	מוזיקער
443	צוזאַמען

זיי האָבן געלעבט, מיר האָבן פון זיי און זייער אַרבעט געהערט ביז 1948. זייערע נעמען זיינען פון דעמאָלט אָן פאַרשוואונדן.

די לעצטע חדשים האָבן מיר צונויפגעקליבן ידיעות וועגן 28 לעבנ־געבליבענע. אָט זיינען זייערע נעמען:

ידיעות וועגן לעבנגעבליבענע יידישע שרייבער און קינסטלער

אהרן ווערגעליס
אברהם קאַהאַן
ח. וויינערמאַן
ה. הובערמאַן
א. דרוקער
הערשל פאָלאָנקער
עליע שעכטמאַן
אורי פינקל
מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי
חנה לעווין
יאָסל קאָטלער
משה בראָדערזאָן
שמואל האַלקין
נח לוריע
ז. ווענדראָף
ש. גאָרדאָן
ט. גען
מענדל ליפשיץ
זלמן טעלעסין
רחל בוימוואָל
איציק קיפּניס
אייזיק פלאטנער
אַבע לעוו
נאָטע לוריע
ל. גאָלדבערג
יעקב שטערנבערג

לעבנגעבליבענע יידישע אַקטיאָרן:

וו. גאָלאָווטשינער (געוו. רעזשיסאָר פון מינסקער ייד. טעאַטער)
ד. גלאָדבלאַט (געוו. פירער פון קיעווער און טשערנאָוויצער ייד. טעאַטערס)

פאַר״שוואונדענע שרייבער אין פעריאָד פון 1948

אַבטשוק, א.
אויסלענדער, נחום
אייזמאַן, האַרי
אַראָנעס, פּ.
אָשעראָוויטש, א.
אָשעראָוויטש, ה. קאָוונע
אַלטמאַן, משה
באָרוכאָוויטש, י.
באַליאַסנע, ריווע
בוימוואָל, רחל
בוכבינדער, נחום
ביילים־לעגיב, שלמה
בעלענקי, מ. מאָסקווע
בערגעלסאָן, דוד
בראָדערזאָן, משה
בריאַנסקי, ש.
בלאָשטיין, ה.
גאָנטאַר, אברהם
גאָרדאָן, עליע
גאָרדאָן, שמואל
גוטיאַנסקי, ב.
גילדין, חיים
גלאָבשטיין, מ.
גרוביאַן, מ.
גרינבערג, זרח
גרינבערג, ב. בידזשאַן
גרינבערג, י.
גאָלדשטיין, א.

גאָלדשטיין, י.
דאָבין, הירש
דאָברושין, י.
דאָלגאָפּאָלסקי, צדוק
דובילעט, מ.
דוואָרקין, י.
דוואָרקין, מ.
דונעץ, כאַצקל
דרוקער, א.
דעכטיאַר, מ.
האָכבערג, ד.
האָלדעס, א.
האָלמשטאָק, ב.
האָלמשטאָק, ל.
האַלקין, שמואל
האָפּשטיין, דוד
העלמאָנד, א.
העלמאָנד, שמואל
הער, מאיר
וואָלאָברינסקי, א.
וואָלקנשטיין, ד.
וואָרטמאַן, מ.
וואָרטמאַן, ל.
וויטענזאָן, ז.
ווינהויז, נאָטע
ווייסמאַן, ז.
ווילענקין, לייזער
ווינער, וו. פּראָפּ.

וועלעדניצקי, אברהם
ווערגעליס, אהרן
ווריטע, ס.
זאַבאָרע, נתן
זאַנדבערג, מ.
זאַרעצקי, א. פּראָפ.
זוסקין, ב.
זשיוו, י.
זילבערמאַן, חיים
זשיץ
טאלאלאיעווסקי, מ.
טייטש, משה
טייף, משה
טעלעסין, זיאַמע
טשערניאַווסקי, אליהו
טשערניאַווסקי, ש.
טשערניאַווסקי, ל.
יאַבראָוו, גרשון
יודאָווין, מ.
יפה, מרדכי
יפה, ש.
יעלין, מאיר
יאַקובאָוויטש, י.
כאַימסקי, מ.
כאָלאָדענקאָ, שפרה
כאַראַל, דבורה
כייקינאָ, דאָראַ
כינטשין, י.
כראַפּקאָווסקי, ז.
לאַבאָווסקי, ב.
לאַזאָווסקי, א.
לאָפּאַטין, ש.
לאַצמאַן, י.
לויצקער, ח.
לוריע, ה.
לוריע, נח
לוריע, נאָטע
ליומקים, אי
ליפּמאַן־לעווין
ליפשיץ, מענדל
לעוו, אַבע
לעווין, גריגאָרי
לעווין, חנה
לעווין, יאַנקל
לעווין, נ.
לעוומאַן, י. ש.
מאָגילניצקי, מ.
מאָלטינסקי, חיים
מאָנין, ד.
מאקאגאָן, א.
מילער, ב.
מאַרגוליס, א.
מאַריאַסינע, ס.
מאַרקיש, פּרץ
מאַרשאַק, דניאל
מיזשריצקי, מ.
מיטלמאַן, י.
מיידאַנסקי, מ.
מיידאַנסקי, ז.
מייזל, ח.
מינסקי, מ.
מישקאָווסקי, ל.
מעדרעש, ב.
מעלאַמעד, ב.
מערעזשין, אברהם
מאָרעווסקי, אברהם
נאַדעל, כאַצקל
נאָטאָוויטש, מ.
נוסינאָוו, יצחק
נסתר, דער (קאַהאַנאָוויטש)

נעפּאָמניאַשטשי
סאָקאָלאָוו, ס.
סארין, ע.
סודאַרסקי, י.
סטראָינגין, ל.
סטרעליץ, א.
סאקציער, מאָטל
סלוצקי, בער
סערעבריאני, י.
ספּיוואק, אליהו
ספּיוואַק, ב.
סקודיצקי, ז.
סטעלמאַך, חנה
עמיאָט, י.
ערנגראָס, י.
ערקעס, ב.
פּאלאטניק, ש.
פּאָליאַנקער, הערשל
פּאָליאַק, ה.
פּאָרטנאָי, עפּ.
פּופּס, מאיר
פּיאַטיגאָרסקי אָ.
פּינטשעווסקי, מאָריס
פּלאטנער, אייזיק
פּערוואָמאַיסקי, ל.
פּערלמאַן, יעקב
פּרוסמאַן, ל.
פאַליקמאַן, י.
פאַלקאָוויטש, ע.
פויניצקי, ד. נ.
פינקעל, אורי
פינקעל, ב. אינזש.
פעפעק, איציק
פרידלאַנד, ג.
צאַרט, ל.

קאַגאַן, כלאוונע
קאַדישעוויטש, מ.
קאַהאַן, אברהם
קאהאן, אייניק
קאהאן, חיים
קאָבלענץ, ב.
קאָלקער, כ.
קאַמענעצקי, הירשל
קאמענעצקי, יוסף
קאַמענשטיין, ס.
קאַנטאָר, א.
קאַנטאָר, יאַנקל
קוויטני, י.
קוויטקאָ, לייב
קורליאַנד, ד.
קיפּניס, איציק
קיפּניס, סיאָמע
קיפּער, מאָטל
קירזשניץ, א.
קליטעניק, ש.
קרוגליאַק, מ.
קאָוונאטאָר, ר.
ראבין, י.
ראַבינאָוויטש, ישראל
ראָדאַק, י.
ראַווין, יוסף
ראָוורעבע, י.
ראָזענהויז, י. ל.
ראָזענבלוים, ל.
ראָזענבלוים, מ.
ראַטנער, מ. ב.
ראַסקין, י.
ראַפּאַלסקי, מ.
רובין, רבקה
רובינשטיין, נחום

רובינשטיין, ר.
ראָיטמאַן, דוד
רויטמאַן, שלמה
ריוועס, י.
ריוועס, ש.
רימיניק, י.
רעזניק, יאשע
רעזניק, ליפּע
שאַדור, מ.
שאַמעס, פּ.
שאַץ, וו.

שאַצקי, ג.
שטורמאַן, מ.
שיינגאָלד, מ.
שמאין, נחמיה
שנייער (אָקון ז.)
שעכטמאַן, י.
שעככטמאַן, ג.
שעכטמאַן, עליע
שפּראַך, אפרים
שרייבמאַן, יחיאל
שטערנבערג, י.

פאַרשוואונדענע שרייבער אין די יאָרן 1937 ביז 1941

אַקסעלראַד, סעליק
בער, א.
דונע , כאַצקל
טשערניכאָוו, יוסף, אַדוו.
טשערניכאָוו, מיכאל
כאַווקין, מ. פּ.
כאַריק, איזי
כאַשין, א.
ליבערבערג, י., פּראָפ.
ליטוואַקאָוו, משה

ליעוו, זיסקינד
לעוויטאַן
סאַסיס, י., פּראָפ.
עריק, מאַקס
פרומקין־וויכמאַן, אסתר
פרידלאַנד, צבי
צינבערג, י., ד״ר
קאַן, נפתלי־הערץ
קולבאַק, משה
רייזען, זלמן

אַרטיסטן פון די געוועזענע יידישע מלוכה־טעאַטערן

פון מאָסקווער גאָסעט

זוסקין, ב. ל.
גאָלדבלאַט, דוד
דאָזינאַ, ל. מ.
דאָס, ל. י.
מינקאָוואַ, יו. אי.
שטיינמאַן, מ. ד.
ראַטבוים, ס.

איצבאָקי, יע.
אַבראַגאַם, י.
אימעניטאָוואַ
אַשכנזי, מ.
באסלאָווסקי, א.
בלינטשעווסקאַיאַ, א. י.
בערקאָווסקאַיאַ, ע.

גאָלדבורס, א.
גוקיילאָ, מ.
גערטנער, יאַ
דיאַמאַנט, מ.
האָראָוויץ, מ. י.
זילבערבלאַט, ס.
טייבלינאַ, ע. ט.
טשעטשיק, ט.
כאזאק, ט. א.
לוריע, י.
לוקאָווסקי, וו.
לוקאָווסקי, ג.
מאַזור, א.
מאזאק, ט.
מינסקער, מ.
ניי, מ.
עפשטיין, יע
פוסטילניק, א.
פאַבריקאַנט, ס.
פרידמאַן, פּ. ב.
פינקעלקראַוט, צ.
ציבולעווסקי, יא.
קאָטליאַרעוואַ, מ. ע.
קאַמינסקי, ז. מ.
קורץ, ר.
קאָרטשמער, ע.
קרייטשמאַן, ב.
ראגאלער, י.
שידלאָ אי
שכאַיאָנעק, א.
שאַפּיראָ, י.

כאַרקאָווער גאָסטעט:

סאָנץ, א. יע
אַלפּעראָוויטש

בידער
בורסאַק
גאָלמאַן
גרין, פּרוי
דאַווידזאָן
וויטלין
וויניאַר
טאַרלאָ, ה.
טאָמבאַק
טשיטשעלניצקי
לויטער, אפרים
ליבערט, יא
מערענזאָן, א. ס.
מינדלין
מלמד
נאַדינאַ
נוגער
סיגאַלאָווסקי, ל.
עליאַשעוואַ
פאסמאַן
פאטלאך
פינגעראָוו
צוקער
קרעמער
קאָריק, א.
קוליק־טערנאָווסק
שאַפּיראָ
שיינקער
שיינבערג, נ. ג.

מינסקער גאָסטעט:

ראַפּאַלסקי, מ. פּ.
אייזענבערג, א. וו.
אַלטמאַן, מ.
אַלעסקער, ע.

אַראָנטשיק, יו.
בראָדקין, א.
גערמאַן, י.
גערשטיין, ג.
דרייזינאַ, א.
וואָלפינאַ, מ.
וויסאָצקאַיאַ, י.
טרעפעל, א.
טרייסטמאַן, ב.
יאַגפּאָלסקי, ב.
לימאַן, וו.
לעמבערג, ס.
מאָין, מ.
סאָקאָל, מ.
פּיקעלטשיק ע.
פעלדמאַן, ב.
צימעראָוו, מ.
ציפּקינאַ, פּ. ג.
קאַפּלאַן, אפתר
קאַגאַן, מ.
קרוגליאַנסקי, ב.
קאָפּטשעווסקאַיאַ, א.
ראָזענפעלד, י.
רוטשטיין, ק.
ריווין, מ.
שיק, א.

מוזיקער:

בערעגאָווסקי, משה
באַיאַרסקאַ, רבקה
העלמאָנד, א.
וועפּריק, א.
יאַמפּאָלסקי, ל.
לימאָנע, מ.
לעווין, מ.
מילנער, מ.
מענדעליס, א.
פּאָלאָנסקי, ס.
פּולווער, א.
פיינטוך, יא
קריין, א.
ריסקינד, ב.
שטיינבאַך, א.
שטרייכער, ל.
שיינין, י. פּ.
קוקלעס, יאָ, וו.
ליכטענשטיין, א. ג.

מאָלער און סקולפּטאָרן:

איידעלמאַן, ע.
אינגער, ג.
אלטמאַן, נתן
אַלעקסאַנדראָוו, א.
אַפּטער, יעקב
אַקסעלראד, מ.
אַראָנסאָן, ב.
באָרשטש, א.
בירנבוים, מנחם
בלאנק, ב.

בלאנק, מ.
גאָלאָוואַטינסקי, מ.
גאָלדמאַן, ש.
גאָרשמאַן, מ.
גאַרווין
גוטין, א.
גערבורט, א.
גריפּעל, ל.
דייטש, יאָסיף
דלוגאַטש, מיכאיל
היידעלמאַן, ע.
העפּטער, א.
וולאַדימירסקי, ב.
ווערמוס, י.
זאַבאַראָוו, א.
זאַלוצקי, מ.
זעווין, ל.
זמודזינסקי, ג.
זשיטניצקי, מ.
טישלער, א.
טענונבוים, אי
טשייקאָוו, יוסף
יאָ מיכאַיל
יאַנאָוויצקי, ח.
כאָטינאַק, ג.
לאַפּשין, ב.
לארך, מ.
לוגאַנסקי
ליטווינענקאָ, מ.
לייבאָוויטש, כ.
ליסיצקי, אליעזר
ליפּשיץ, ג.
לעבעדעוואַ, ט.
מאַלקין, מ.

מאַרינאָוו, א.
מאַרשאַלאָוו, מ.
מיצעלמאַכער, מ.
מידיקאָווסקי
סאַווין, א.
סאַנדלער, ב.
סאָקאָלאָווסקי, ד.
סופר, י.
סעגאַלאָוויטש, א.
עלמאַן, י.
עפּשטיין, מ.
פֿאָהאָסטער, מ.
פֿאָליאַקאָוו, מ.
גאַשקעוויטש, מ. א.
פּלעשטשינסקי, י.
פּערלע, מ.
פּריצקער, ג.
פֿישער, ג.
פֿראַדקין, מ.
פֿרידקין, ב.
פֿרענקעל, יצחק
צעלמער, וו.
קאַגאַנער, א.
קאָוואַרסקאַ
קאָטליאַרעווסקי, מ.
קאַפּלאַן, ל.
קאַץ, פּ.
קיפּניס, ג.
קיפּניס, ד.
קראָל, א.
רודניעוו, ל.
ראן, ל.
רובינסקי, מ.
רויטמאַן, מ.

רעזניקאָוו, וו.
רשל, א.
שאבאד, א. י.
שובין, ב.
שטיינבערג, עדי

שטייערמאַן, מ.
שיפּרין, נ.
שעכטמאַן
שעכטער, א.
שקליאַווער, יוסף

רשימה צוזאַמענגעשטעלט דורך

לייזער ראַן (מיטאַרבעטער פון ייוו"א)

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ (מיטאַרבעטער פון טעאָלאָגישן סעמינאַר)

דוד אנין (מיטאַרבעטער פון קולטור־קאָנגרעס)

בילדער פון שער־בלעטער פון יידישע ביכער אין רוסישער איבערזעצונג, פאַרניכטעטע פאַר זייער דערשיינען

ДАВИД БЕРГЕЛЬСОН

Прозаик и драматург. Родился в 1884 г.

Основные произведения:

«У вокзала» — роман.
«После всего» — роман.
«Глухой» — пьеса.
«У Днепра» — роман.

3

Д. Бергельсон

ד. בערגעלסאָן

ПЕРЕЦ МАРКИШ

Поэт, драматург и прозаик. Родился в 1895 г.

Основные произведения:

«Пороги» — сб. стихов.
«Заклеенные циферблаты» — сб. стихов.
«Братья» — поэма.
«Из века в век» — роман
«Земля» — пьеса.
«Смерть кулака» — поэма.

4

П. Маркиш

פּ. מאַרקיש

МОИСЕЙ КУЛЬБАК

Поэт и прозаик. Родился в 1890 г.

Основные произведения:

Книга стихов.

«Зельменьяне» — роман.

«Чайльд-Гарольд из Дисны» — поэма.

12

מ. קולבאַק

ДАВИД ГОФШТЕЙН

Поэт. Родился в 1889 г.

Основные произведения:

«У дорог» — сб. стихов.

«Красные цветы» — сб. стихов.

«На светлых руинах» — стихи.

«К новому бытию» — стихи.

5

ד. האָפשטײן

ИЗИ ХАРИК

Поэт. Родился в 1898 г.

Основные произведения:

«На земле» — стихи.
«Всем существом» — поэма.
«Конвейер дней»—поэма.
«Поэмы и стихи»—(1934 г.)

7

י. כאַריק

АРОН КУШНИРОВ

Поэт и драматург. Род. в 1891 г.

Основные произведения:

Сборники стихов:
«Стены»
«Брожение»
Пьеса в стихах —
«Гирш Леккерт».
Книга рассказов:
«Дети одного народа».

9

א. קושניראָוו

САМУИЛ ГОДИНЕР

Прозаик. Родился в 1892 г.

«Человек с винтовкой» — роман.
«Жизнь начинается» — рассказы.
«Биробиджанцы» — роман.
«Страна матерей» — роман.
«Джейк Куперкопф» — пьеса.

10



ש. גאָדינער

ИЦИК ФЕФЕР

Поэт. Родился в 1900 г.

Основные произведения:

Сборники стихов —
«Щепки»
«Обо мне и мне подобных»
«Простая поступь»
«Камень на камне»
«Сказки для детей».

Поэмы:

«Смерть Эли»
«Днепрострой»
«Власть».

6

איציק פעפער

פראָמינענטע אַמעריקאַנער פּערזענלעכ־קייטן פּראָטעסטירן און פאָדערן

37 פּירנדע פּערזענלעכקייטן אין אַמעריקאַנער עפנטלעכן לעבן האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּראָטעסט־דערקלערונג קעגן דער אונטערדריקונג פון יידיש און דער יידישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד. זיי זאָגן אַזוי:

„די איצטיקע הערשער פון קרעמל האָבן באַשטעטיקט, אַז דער סטאַלין־רעזשים האָט דורכגעפירט גרויזאַמע פּאָגראָמען איבער דער יידישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד. די וואַרשעווער יידיש־קאָמוניסטישע צייטונג „פאָלקסשטימע" האָט דעם 4טן אַפּריל 1956 געלאָזט וויסן די עפנטלעכקייט, אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט ליקווידירט אַ גרויסע צאָל יידן, וואָס זיינען געווען טעטיק אין דער יידישער ליטעראַטור און קונסט און אַז די פאַרניכטונגען זיינען געווען גרעסער ווי מען האָט פריער גערעכנט. די פאַרניכטונג פון אַ גרויסער צאָל יידישע שרייבער איז צונויפגעפאַלן מיט דער אונטערדריקונג פון אַלע יידישע ביכער און צייטשריפטן, מיט דער שליסונג פון יידישע שולן און טעאַטערן.

סטאַלין האָט אַטאַקירט ניט נאָר אַ גרופּע יחידים אָדער אָרגאַניזאַציעס. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַ גאַנץ פאָלק, קעגן זיין קולטור און שפּראַך.

די עפנטלעכע מיינונג האָט די רעכט און די פליכט צו פאַרלאַנגען אָפיציעלע גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם גורל פון די יידישע שרייבער און זייערע פאַמיליעס און באַזונדערס — וועלכע מיטלען נעמט אָן די סאָוועטישע רעגירונג צוריקצושטעלן די עקזיסטענץ־רעכט פון דער יידישער פּרעסע, פון יידישן טעאַטער, פון דער יידישער שול, פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידישע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

מיר, די אונטערגעשריבענע, רופן אַלע פרייהייט־ליבנדע מענטשן פון גאַר דער וועלט אויפצוהויבן זייער שטים פון פראָ־טעסט קעגן די דאָזיקע אַקטן פון ברוטאַליטעט און דיסקרימינאַ־ציע קעגן אַ גאַנץ פאָלק. מיר ווילן פאַרצייכענען אונזער קראַפט־פולע פאַרדאַמונג פון די מורא׳דיקע אַקטן פון גענאָסאַיד, דורכ־געפירט מצד דער סאָוועטן־רעגירונג, פון מעשים, וואָס ווערן נאָך געדולדעט ביזן היינטיקן טאָג.

פראָפעסאָר דזשאָרדזש ע. אַקסעל, ניו־יאָרק יוניווערסיטי.

פראָפ. סי. אי. איירעס, דיען פון דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג אין אוניווערסיטעט פון יוס־טאָן, טעקסאַס.

אַרנאָלד בייטשמאַן, אַמעריקאַ־נער פאָרשטייער פון די „פרי טרעיד יוניאָנס".

דעניעל בעל, מיטאַרבעטער פון זשורנאַל „פאָרטשון".

דאָראָטי דונבאַר בראָמלי, זשור־נאַליסטין, קאָמענטאַטאָר אויף „עי־בי־סי".

ליאָ טשערני, פירער פון „אינ־טערנעשאָנעל רעסקיו קאָמי־טי".

פראָפ. ראָבערט גאָרהעם דייװיס, ליטעראַטור־קריטיקער.

קריסטאָפער עמעט, פראָפעסאָר פון ענגליש אין סמיטה קאָ־לעדזש און ראַדיאָ־קאָמענטאַ־טאָר.

לעסלי א. פידלער, פראָפעסאָר אין מאָנטאַנאַ סטייט אוני־ווערסיטעט און שרייבער.

פראָפ. ראָבערט ע. פיטש, דיען פון אינסטיטוט פאַר רעליגיע ביים קאַליפאָרניער אוניווע־זיטעט.

סי. האַרטלי גראַטאַן, שרייבער, רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „אַט־לאַנטיק".

קלעמענט גרינבערג, מיטאַרבע־טער זשורנאַל „קאָמענטאַרי", קונסט־קריטיקער.

ריטשאַרד האַנסער, קאָמענטאַ־טאָר „קאָלאָמביאַ בראָדקעס־טינג קאָ."

וויל הערבערג, שרייבער, מיט־אַרבעטער פון „קאָמענטאַרי".

גרענוויל היקס, ליטעראַטור קרי־טיקער פון „ניו יאָרק טיימס".

סידני הוק, שרייבער, פראָפע־סאָר פון „ניו יאָרק יוניווער־סיטי".

האָראַס קאַלען, פראָפעסאָר אין „ניו סקול אָוו סאָשל רי־סוירטש".

עדגאַר אנסעל מאורער, שריי־בער, געווינער פון פּוליצער פרייז.

גארבערט מוהליין, באַקאַנטער זשורנאַליסט און שרייבער.

רייַנהאָלד ניבור, פּראָפעסאָר פון יוניאָן טעאָלאָדזשיקאַל סעמינאַר.

מאַקס נאָמאַד, שרייבער, מחבר פון ביכער.

באָגדאַן ראַדיטסאַ, פּראָפעסאָר אין ראטגערס אוניווערזיטעט.

דזשאַן פּ. ראָש, פּראָפעסאָר אין בראַנדייס אוניווערזיטעט.

אוירווין ראָס, רעדאַקטאָר „ניו יאָרק פּאוסט״.

י. סלאַווין־שאַפּיראָ, פּראָפעסאָר עמעריטוס „ניו יאָרק אוניווערזיטעט.

דזשאָזעף שיפּלי, טעאַטער־קריטיקער.

דר. דזשאָרדזש נ. שוסטער, פּרעזידענט האַנטער קאַלעדזש.

דעניעל זעליגמאַן, מיטאַרבעטער פון זשורנאַל „פאָרטשון״.

דר. קלאַרענס סיניאָר, פּראָפעסאָר אין קאָלומביאַ אוניווערזיטעט.

אַפּטאַן סינקלעיר, באַרימטער שרייבער.

נאָרמאַן טאָמאַס, סאָציאַליסטישער פירער.

דייוויד מ. וויליאַמס, רעדאַקטאָר פון „אַמעריקענס פאָר דעמאָקראַטיק עקשאָן״.

קאָרל וויטפאָגעל, פּראָפעסאָר אין קאָלומביאַ אוניווערזיטעט.

בערטראַם ד. וואולף, שרייבער.

סי. דיקערמאַן־וויליאַמס, אַדוואָקאַט.

סאל מ. לעוויטאַס, רעדאַקטאָר פון „ניו־לידער״.

פּיטער מאיר, שרייבער, מיטאַרבעטער פון „קאמענטאַרי״.

פיינטלעכע באַציאונג צו יידישער קולטור געבליבן די זעלביקע אין סאָוועט־רוסלאַנד

מיר גיבן דאָ איבער וואָרט אין וואָרט דעם בריוו, וואָס איז איבער־געשיקט געוואָרן צום יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט פון סטעיט דעפּאַרט־מענט אין נאָמען פון סעקרעטערי דאַלעס. דער בריוו, וואָס איז אַדרע־סירט צו אַדאָלף העלד, פּאַרזיצער פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, לייענט זיך אַזוי:

„ליבער מר. העלד:

„סעקרעטערי דאַלעס האָט מיך געבעטן צו ענטפערן אויף אייער טעלעגראַמע פון 26טן אַפּריל וועגן דער אונטערדריקונג פון יידישע קולטור־טעטיקייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. איך באַדויער וואָס צוליב די נויטיקע צוגרייטונגען צום מיטינג פון די אויסערן־מיניסטאָרן פון די „נאַטאָ“־לענדער איז פּאַר אים געווען אוממעגלעך צו שיקן אין צייט אַ מעסעדזש צו אייער פּראָטעסט־מיטינג פון 30טן אַפּריל.

„דער סאָוועטישער רעזשים האָט קיינמאָל ניט אָפּגעלייקנט די „קאָסמאָפּאָליטן־רייניקונג“ פון 1948־49, אין וועלכער עס זיינען פאַרשוואונדן פיל סאָוועטיש־יידישע אינטעלעקטואַלן. געוויסע שריט זיינען לעצטנס אונטערגענומען געוואָרן צו רעהאַביליטירן אייניקע יידישע שרייבער. פון די פּרטים פון דער רעהאַביליטאַציע זעט מען אָבער, אַז זיי זיינען טויט. די סאָוועטישע צייטונג „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ האָט דעם 24טן יאַנואַר און דעם 29טן מערץ 1956 גע־מאָלדן, אַז דער סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פון סאָוועט־טישן שרייבער־פאַריין האָט אויסגעבילדעט „קאָמיסיעס פאַר די ליטעראַרישע ירושות“ פון דוד בערגעלסאָן, ל. קוויטקאָ, א. נוסינאָוו און ס. פּערסאָוו — פיר פון די באַרימטסטע פאַרשוואונדענע יידישע שרייבער — און נאָך צוויי, וויניקער באַקאַנטע שרייבער, מסתמא אויך סאָוועטישע יידן, וואָס זיינען פאַרשוואונדן בשעת דער „ריי־ניקונג“.

„די סאָוועטישע מאַכט האָט קיינמאָל ניט אויפגעדעקט דעם גורל פון קיינעם פון די ליקווידירטע יידישע אינטעלעקטואַלן. די וואַרשעווער יידישע צייטונג „פאָלקס־שטימע“ האָט אָבער דעם 4טן

אַפּריל פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ליסטע פֿון יידישע קרבנות, איינשליסלעך די, וואָס זיינען אומגעקומען אין די דרייסיקער יאָרן, וועלכע איז לענגער ווי אַלע רשימות, וואָס זיינען וועןיעס־איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דורך אַנטי־קאָמוניסטישע גרופּן. די פּויליש־יידישע צייטונג האָט די גאַנצע שולד פֿאַר די אַנטיסעמיטישע אַקטן געוואָרפֿן אויף בעריאַ. אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער צייטונג „פֿאָרווערטס", וועלכער האָט ניט־לאַנג באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד, האָט באַריכטעט, אַז זייענדיק דאָרטן, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז עטלעכע יידישע שרייבער, פֿאַרשוואונדענע זינט 1948־9, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין אויגוסט 1952; און אַז אייניקע לעבנגעבליבענע זיינען באַפֿרייט געוואָרן פֿון טורמע נאָך סטאַלינס טויט. צוויי פֿון די שרייבער, וואָס זיינען דערמאָנט געוואָרן אין „ליטעראַטור־נאַיאַ גאַזעטאַ", זיינען געווען אין דער רשימה פֿון די דערמאָרדעטע. (דער סטעיט דעפּאַרטמענט פֿאַררופֿט זיך דאָ אויף די קעיבלס פֿון „פֿאָרווערטס" מיטאַרבעטער לעאָן קרישטאָל. — רעד.).

„אַ חוץ דער רעהאַביליטאַציע פֿון אייניקע יידישע שרייבער, האָט זיך די לאַגע פֿון די סאָוועטישע יידן וויניק פֿאַרבעסערט אין נאָך־סטאַלין־פּעריאָד. אין משך פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר זיינען נאָר געמאַכט געוואָרן קלענערע קאָנצעסיעס אין פּרט פֿון יידישקייט, ווי אַ טייל פֿון דער וויכערער באַציאונג צו רעליגיע בכלל. אַ קליינע צאָל יידן האָבן באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן אין מדינת ישראל. אייניקע יידישע אַקטיאָרן איז דערלויבט געוואָרן אויפֿצוטרעטן אויף דער בינע. אין צוויי פֿאַלן איז אין סאָוועטישע אויסגאַבן פֿאַרדאַמט געוואָרן אַנטיסעמיטיזם — בשעת פֿריער פֿלעגן זיי אויסמיידן צו באַרירן די טעמע.

„דאָך איז די פּאָליטיק פֿון שטרענגע באַגרעניצונגען פֿאַר יידישע קולטור־טעטיגקייטן (אויסגאַבן, שולן, ביבליאָטעקן, טעאַטערס), וואָס האָט זיך באַזונדערס באַשיינפּערלעך אַרויסגעוויזן אין די „רייניקונגס־יאָרן" 1948 און 1949, אין גרונט געבליבן די זעלביקע, און סאָוועטישע יידן האָבן צו אויסלענדער אויסגעדריקט זייער מורא, אַז אויב עס זאָל אַזוי ווייטער גיין, וועלן זיי פֿאַרלירן זייער נאַציאָנאַלן פּנים.

אויפֿריכטיק אייערער,

דזשאָן פּ. מיהער,

טשיף פּאָבליק סירוויס דיוויזיע."

מענטשן־רעכט קאָמיסיע פון יו־ען שיקט איבער מעמאָראַנדום פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט צו אַנגעשלאָסענע מלוכות

מיר גיבן דאָ איבער אַ קיצור פון דעם ענטפער וואָס דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט באַקומען אויף זיין ווענדונג צו דער מענטשן־רעכט קאָמיסיע פון דער יונייטעד ניישאָנס אָרגאַניזאַציע וועגן דעם מאָרד פון די יידישע שרייבער און דער אונטערדריקונג פון יידישן קול־טור־לעבן אין רוסלאַנד:

File No. SOA 317/02

יונייטעד ניישאָנס אָרגאַניזאַציע
4טן יוני 1956

מיר האָבן באַקומען אייער ווענדונג פון 4טן אַפּריל 1956 און מיר לאָזן אייך וויסן, אַז מיר וועלן האַנדלען לויט די כללים פון דער רעזאָלוציע 75 פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן קאָונסיל. אויפן סמך פון פּאַראַגראַף „בי" פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע וועט געשיקט אַ קיצור פון אייער ווענדונג צו די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פון מענטשן־רעכט און, אויפן סמך פון פּאַראַגראַף „אי", וועט אַ קאָפּיע פון אייער מעמאָראַנדום געשיקט ווערן צו דער רעגירונג פון דעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.